STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11043

OYSGEKLIBENE LIDER UN POEMES

Mikhail Iurevich Lermontov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. יו. לערמאָנטאָוו

אויסגעקליבענע לידער און פּאָעמעס

ייִדיש — מ. כאשטשעוואצקי

מעלוכע־פארלאג פון ווײַסרוסלאנד
מינסק נאצסעקטער 1935

Printed in Soviet Union

מ. יו. לערמאָנטאָוו

(ביאָגראפישע נאָטיצ)

מיכאיל יוריעוויטש לערמאָנטאָוו איז געבוירנ געוואָרנ אינ מאָסקווע אינ דער נאכט פונעם 14־טנ אפנ 15־טנ (2—3) אָקטיאבער 1814 י. זײַנ פאָטער יורי פּעטראָוויטש האָט געדינט ביזנ 1811 י. אינ א פּאָלק, דערנאָכ ארויס אינ דעמיסיע, זיכ באזעצט אינ זײַנ פאמיליע־גוט (טולער גובערניע) אונ כאסענע געהאט פאר מאריע מיכײַלאָוונא ארסעניעווא, א שכיינע לויטנ גוט. אינ 1817 י. איז לערמאָנטאָווס מוטער געשטאָרבנ, אונ זײַנ דערציִונג איז אריבער אינ די הענט פונ זײַנ באָבע, יעליזאוועטע אלעקסייעוונע ארסעניעווא (געבוירענע סטאָליפּינ). זי האָט אים אוועקגעמירט אינ איר גוט טארכאני (פּענזער גובערניע, טשעמבארער אויעזד), אונ דאָרט האָט לערמאָנטאָוו פארבראכט זײַנ יוגנט. דער פאָטער האָט ווײַטער געווינט אינ זײַנ גוט אונ פלעגט זעלטנ באזוכנ דעם זונ, — זײַנע באציִונגענ מיט דער ווײַבס מוטער זײַנענ געווענ אָנגעצויגענע. נאָכ ייִנגלווײַז (אינ 1825 י.) האָט לערמאָנטאָוו, וואָס איז געווענ א שוואכער אינ געזונט, פארבראכט א שטיקל צײַט צוזאמענ מיט דער באָבענ אפ קאווקאז. אינ הארבסט 1827 יאָר איז יע. א. ארסעניעווא אריבערגעפאָרנ קיינ מאָסקווע אונ אינ 1828 י. האָט זי אָפּגעגעבנ איר איינִיקל אינ אוניווערסיטעט־

טישן פּאַנסיאָן פֿאַר וווילגעבוירענע. צו יענער צײַט געהערן לער־מאָנטאָווס ערשטע לידער.

אין 1830 יאָר פֿאַרלאָזט לערמאָנטאָוו דעם פּאַנסיאָן און טרעט אַרײַן אין מאָסקווער אוניווערסיטעט (מאָראַליש־פּאָליטישע אָפּטיילונג). ער פֿאַרברענגט די צײַט אין דעם ברייטן קרײַז פֿון זײַנע קרויווים (לאָפּוכינס, וועראַשטשאַגינס, באַכמעטיעווס, סטאָליפּינס) און פֿירט אַ צעשטרייטן אָרט לעבן. זײַנע אוניווערסיטעט־געשעפֿטן גייען ניט גאָר גוט, ער האַלט זיך אויף אַזעסדיק מיט די פּראָפֿעסאָרן א. א. וו. מע לייגט אים פֿאָר צו בלײַבן אָפּן צווייטן יאָר — ער פֿאַרלאָזט דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט און באַשליסט איבערצוגיין אין פּעטערבורגער (1832 י.). דער־ווײַסנדיק זיך, אַז מע קען אים צונעמען בלויז אָפּן 1־טן קורס לויט אַן עקזאַמען, באַשליסט לערמאָנטאָוו אָנשטאָט אוניווערסיטעט אָנצוקומען אין שול פֿאַר גוואַרדיע־פּאָדפּראַפּאָרשטשיקעס און קאַוואַלעריע־יונקערס (שפּעטער ניקאָלאַיעווער קאַוואַלעריע־שול). עס הייבט זיך אָן דער „יונקער“־פּעריאָד פֿון זײַן לעבן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די לידער און פּאָעמעס פֿון די יאָרן 1832—1834. אין נאָיאַבער 1834 האָט לערמאָנטאָוו געענדיקט די שול און איז פֿון אַ יונקער געוואָרן אַ קאָרנעט פֿונעם לײַב־גוואַרדייִשן הוסאַרן־פּאָלק. די יאָרן 1834—1836 פֿאַרברענגט לערמאָנטאָוו אין פּעטערבורג, וווּ ער פֿירט אַ גרויסוועלטישן אָרט לעבן. צו דעם פּעריאָד געהערט זײַן אַרבעט איבער דער דערציילונג „די פֿירשטין ליגאָווסקאַיאַ“ און איבער דער דראַמע „מאַסקאַראַד“.

אין 1837 י. שרײַבט לערמאָנטאָוו אָן, אונטערן אײַנדרוק פֿון פּושקינס טויט, די ליד „דער טויט פֿונעם דיכטער“, וועלכע ווערט פֿאַרשפּרייט אין געשריבענע קאָפּיעס און האָט גרויס דערפֿאָלג. עס ווערט פֿאַרפֿירט אַ ספּעציעלער „איניען וועגן די אומדערלויבטע לידער, וואָס עס האָט אָנגעשריבן דער קאָרנעט פֿונעם לײַב־

גוואַרדייִשנ הוסאַרנ־פּאָלק לערמאָנטאָוו". אינ רעזולטאַט דערפונ
ווערט לערמאָנטאָוו אַריבערגעפירט אינ ניזשעגאָראָדער דראַגונער־
פּאָלק, וועלכער אָפּערירט אַפּ קאַווקאַז. אינ פרילינג 1837 י. פּאָרט
לערמאָנטאָוו אַוועק אַפּ קאַווקאַז און צוליב זײַנ קראַנקײַט פאַר־
האַלט ער זיכ אינ פּיאַטיגאָרסק. אָקטיאַבער דאָס זעלבע יאָר
ווערט לערמאָנטאָוו „באַגנעדיקט" און אַריבערגעפירט אינ גראָד־
נער הוסאַרנ־פּאָלק. אינ פרילינג 1838 י. קריגט ער פולשטענ־
דיקע „מעכילע" און ווערט אומגעקערט צו זיכ אינ פּאָלק. צו
יענער צײַט שרײַבט ער שוינ „דעמאָנ" און דעם „העלד פונ
אונדזער צײַט". ער באַקענט זיכ מיט די ליטעראַרישע קרײַזנ
און ווערט באַוווּסט.

פעווראַל 1840 י., אַפּ א באַל בא דער גרעפנ לאַוואַל, איז
פּאָרגעקומענ א צוזאַמענשטויס צווישנ לערמאָנטאָוונ און דעם זונ
פונעם פראַנצויזישנ געזאַנדטנ, ערנעסט באַראַנט; אינ רעזולטאַט
דערפונ איז פּאָרגעקומענ א דועל. באַראַנט האָט ניט געטראָפנ,
און לערמאָנטאָוו האָט אויסגעשאָסנ אָנ א זײַט. פאַר אָט דעם
דועל איז לערמאָנטאָוו אַרעסטירט געוואָרנ און אַרײַנגעזעצט אינ
אָרדאָנאַנסהויז. דאָרט האָט אים באַזוכט בעלינסקי. לערמאָנטאָוו
האָט דאָ אָנגעשריבנ די לידער „דער געפאַנגענער ריטער", „די
שכײנע", „דער זשורנאַליסט, דער לייענער און דער שרײַבער".
פרילינג 1840 י. איז אַרויס א באַפעל אַריבערצופירנ לערמאָנ־
טאָווונ אינ טענגינער פוסגייער־פּאָלק; ער פאָרט באַנײַס אַוועק אַפּ
קאַווקאַז, ווו ער באַטייליקט זיכ אינ די שלאַכטנ מיט די בערג־
אײַנוווינער (זע די ליד „וואַלעריק").

יאַנוואַר 1841 קריגט לערמאָנטאָוו אורלויב, קומט צו פאָרנ קײַנ
פּעטערבורג, ווו ער פאַרברענגט ביז אָנהייב מײַ און פונ דאָרטנ
פאָרט ער אַוועק קיינ פּיאַטיגאָרסק זיכ היילנ. דאָ האָט ער אַפּ אַנ
אָוונט־פאַרווײַלונג בא די ווערזילינס אינ הויז זיכ צעקריגט מיט
זײַנעם אַנ אַלטנ באַקאַנטנ נ. ס. מאַרטינאָוו (א כאַווער פונ דער
יונקער־שול). דער קריג האָט זיכ געענדיקט מיט א דועל, וואָס

איז פאָרגעקומענ דעמ 27־טנ (15) יול 1841 הינטער פּיאטיגאָרסק באמ בארגפוס פונ מאשוק. לערמאָנטאָוו איז געטויט געוואָרנ אפנ אָרט.

פרילינג 1842 איז לערמאָנטאָווס קערפער אריבערגעפירט געוואָרנ קיינ טארכאני, ווו ער איז באהאלטנ געוואָרנ אפנ פאמיליע־בעסוילעם.

(פונ דער לערמאָנטאָוו־אויסגאבע — מעלוכע־פארלאג 1931).

I לידער

דער שטארבנדיקער גלאדיִאטער [1]

see before me
the gladiator lie...
Бyron [2]

עס יובלט רוישיק רוים... מיט דונערס פונ ניצאָכנ
די ברייטע צירק־ארענע ווערט פארטויבט;—
אונ ער—א שטומער ליגט, אינ ברוסט דערשטאָכנ,
אונ ס׳גליטשנ זיכ די קני אינ בלוט אונ שטויב.
אונ שוינונג בעט אומזיסט זײַנ טריבער בליק...
דער גײַוועשער טיראנ אונ כניפעשער סענאטער
מיט לויב באקראנצנ נידערפאל אונ זיג...
וואָס איז פאר אדל אונ האמוינ באזיגטער גלאדיִאטער?

אונ ס׳רינט זײַנ בלוט. די לעצטע רעגעס שוועבנ.
ס׳איז נאָענט שוינ די שאָ. אָט איז פארבײַ
אינ מארכ א שטראל פונ דימיענ. עס רוישט פאר אימ דונײַ... [3]
אונ ס׳בליט די היימ—דאָס לאנד פונ פרײַענ לעבנ.
ער זעט דאָס הויזגעזינד, פארלאָזטע צוליב שטרײַטנ.

---

1 ג ל א ד י ִא ט ע ר—א קעמפער אינ רוימישנ צירק. געוויינלעכ פלעגנ דאָס זײַנ קריגסגעפאנגענע אָדער קנעכט.

2 איכ זע פאר זיכ דעמ ליגנדיקנ גלאדיִאטער"—ב ײַ ר אָ נ.

3 ד ו נ ײַ—א טײַכ, וועלכער שטראָמט פונ די גערמאנישע לענדער אונ פאלט ארײַנ אינ שווארצנ יאמ.

אָט ציט זײַנ פּאָטער גליװערדיקע הענט פונ װײַטנ,
ער רופט צו זיכ דעמ אָנלענ פונ זײַנ עלטער.
די קינדער שפּילנ זיכ, די ליבסטע קינדער זעט ער.
מיט רויב אונ רומ מע װאַרט אפ אימ דאָרט אלע.
אומזיסט — א שקלאפ איז ער אונ װי א כײַע דאָ געפאלנ,
א שפּיל פאר צײַט-פארטרײַב פונ הארצלאָזנ האמוינ...
„אדיע, צעלאָזטער רוימ, — אדיע, דו ליבע היימ!..״

אייראָפּע-װעלט, ביסטו דענ ניט אזוי
פאר טרוימער היציקע געװענ דער העכסטער טרוימ?
דעמ קאָפּ דעמ רומלאָזנ דו נויגסט צומ גרוב אצינדער,
אינ קאמפּ פונ צװייפלענ אונ פונ לײַדנשאפטנ א פארשמאכטע,
אָנ גלויבנ אונ אָנ האָפענונג — אנ אויסגעלאכטע
פונ רוישיקנ האמוינ, — א שפּילעכל פאר קינדער!

אונ פאר דײַנ סאָפּ האָסטו דעמ בליק געװענדט
מיט טיפע זיפצנ פונ כאראָטע
צו יוגנט ליכטיקער, װאָס ביזנ ענד
האָסט צוליב בייז פונ בילדונג זי צעטראָטנ,
פארגעסנ זאָרגלאָז צוליב לוקסוס-בלענד.
אונ װילנדיק די לעצטע װייטיקנ פארטויבנ,
צו לידער פונ אמאָל נויגסטו גיריק דײַנ געהער,
פונ צײַטנ ריטערשע פארגעמסט דעמ מײַסע-צויבער —
ס'איז פוסטע רייד פונ כניפימ-אָפּשפּעטערס ניט מער.

2 פעװראל 1836

דעם דיכטערס טויט

געטויט איז דער פּאָעט!—דער שקלאַפ פון ערע—
געפאלן איז, באדעקט מיט שפּאָט,
מיט בליי אין ברוסט און נאָך נעקאָמע גערן,
אראָפּגעניקט דעם שטאָלצן קאָפּ.
דעם דיכטערס הארץ האָט ניט געקאָנט פארלײַדן
די שאנד פון קליינלעכע, פון בייזע רייד.
ארויס איז ער אנטקעגן וועלט צו שטרײַטן
אליין, ווי פריר... און איז געטויט!
געטויט!.. וואָס גילטן איצט געוויינען,
וואָס נוצט דער פוסטער לויבונג־כאָר,
וואָס טויג בארעכטיקונג געמיינע?—
דעם גוירלס פּסאַק ז׳געשען—און גאָר.
ניט איר האָט דען ביז איצט געטראָטן
זײַן פרײַען, וואונדערלעכן גײַסט,
און צוליב שפּאַס האָט פעכ געשאָטן
און פלאַם פארבאָרגענעם געשפּײַזט.
איז פרייט־זשע זיך, ער האָט דעם גענעם
פארטראָגן ווײַטער ניט געקענט.
ווי ליכט פארלאָשן איז דער וואונדער־געני,
דער יאָנטעוודיקער קראנץ פארלענדט.
זײַן מערדער האָט מיט קאלטער רעציכע
געצילט דעם שאָס—קיין רעטונג ניט פאראן.

דאָס פוסטע הארצ—עס קלאפּט זיכ זיכער,
אונ שטײַפ דער פּיסטאָלעט אינ האנט.
איז דענ א װוּנדער?—פונ דער װײַט דאָרט,
װי פּלייטים אנדערע אהער,
האָט אים דאָס מאזל זײַנס פארשלײַדערט,
אונ גליק אונ ראנגענ זײַנ באגער.
מיט שפּאָט אונ אזעס ער פאראכט
פונ פרעמדנ לאנד די שפּראכ אונ מידעס,
ער קענ ניט שװינגענ אונדזער פּראכט,
אינ רענע בלוטיקער זיכ ניט פארטראכט,
אינ װעמענ דאָ זײַנ האנט געצילט איז...

איז ער געטויט. דער קיװער ט'צוגענומענ
די רויב פונ אייפערזוכט פונ שטומער,
װי יענער אומבאקאנטער זינגער[1], װאָס אליינ
האָט ער באזונגענ אזוי װוּנדער־שיינ,
װאָס איז װי ער פונ האנט פונ בייזער אומגעקומענ.

צו װאָס איז ער פונ שטילער פרייד אונ פרײַנטשאפט פּראָסטער
ארײַנגעטראָטנ אינ דער װעלט, אינ דער צעלאָזטער,
װאָס פרײַענ הארצ אונ לײַדנשאפט פארקלעמט?
פארװאָס האָט ער זײַנ האנט די לעסטערער געגעבנ,
פארװאָס האָט ער געגלויבט די פאלשע רייד אונ ליבע,
ער, װאָס האָט פונ יוגנט אָנ די מענטשנ שוינ דערקענט?—

אָנשטאָט זײַנ קראנצ האָט מענ א קרוינ פונ דערנער
אים אָנגעטאָנ, אינ לאָרבער אײַנגעהילט,
נאָר ס'האָבנ אינעם װוּנדערשיינעם שטערנ
געהיימע נאָדלענ אים געשטאָכנ װילד.

---

[1] „יעגער זינגער" — לענסקי פונ פושקינס פּאָעמע „יעװגעני אָניעגינ"

און בייזע מורמלעניש פון וויצלער־שויטים
די לעצטע רעגעס זײַנע פילט מיט סאם,
און מיט פארדראָס פון האָפנונג׳ען בארויבטע
און נאָך נעקאָמע גערן איז ער אויסגעגאנ.
אנטשטומט געוואָרנ זײַנע לידער העלע,
זיי וועלנ שוינ ניט קלינגענ מער;
דעם זינגערס רו־אָרט—וויסט און עלנט,
און ס׳איז זײַנ מויל פארכאסמעט שווער.—

און איר, די גײַוועדיקע זינ פונ טאטעס,
וואָס נידערטרעכטיקײַט איז זייער רום און לויב,
וואָס טרעט דעם בראָכ מיט שקלאפערישע פיאטעס
פונ שטאמענ, וואָס די גורל־שפיל האָט זיי בארויבט.
איר, מענגעס גיריקע, וואָס ארום קרוינשטול פויזעט,
איר, הענקער פונ געוינעס, פרײַהײַט, רום!
אינ שוצ פונ די געזעצנ איר באהאלט זיכ אויסעט,
פאר אײַכ איז—דינ און עמעס—אלצ אנטשטום!
פארזנוסטע, ווייסט, ס׳איז דאָ א הויכער שויפעט[1],
א ריכטער און א גרויזאמער, וואָס וואכט;
אים וועט איר מיט קיינ גאָלד־געקלאנג ניט קויפנ,
ער ווייסט אפריִער, וואָס איר רעדט און טראכט.
און אָנקומענ איר וועט צו בייזע רייד אומזיסט שוינ,
עס וועט אײַכ שוינ ניט העלפנ אזוי גוט,
מיט אײַער גאנצנ שווארצנ בלוט וועט איר שוינ ניט פארווישנ
דעם דיכטערס זויבער־ריינע בלוט.

28 יאנואר 1837 י.

[1] שויפעט—ריכטער

דעם ערשטן יאַנואַר

אָפּט, אָפּט אַזוי, ווען ס'רינגלט מיך פֿילפֿאַרביקער האַמוין,
ווען פֿאַרבײַ מיר, ווי דורך אַ בייזן טרוים,
אין ראַש פֿון טענץ און קלעזמערישע פֿידלען,
אין ווילדן מורמלעניש פֿון אײַנגעשטעלטע רייד,
מיט מאַסקעס העפֿלעכקײַט פֿאַרקליידט,
געשטאַלטן אויסגעהוילטע שווינדלען.

און ווען, גרויסשטעטיש דרייסט און אומפֿאַרשעמט,
ס'באַרירן פֿרויען מײַנע קאַלטע הענט,
מיט הענט, וואָס ציטערן שוין לאַנג ניט,—
אַף אויסן אײַנגעטונקט אין זײַן ראַש און גלאַנץ,
אַן אַלטן טרוים איך טראָג אַרום אין האַרץ,—
פֿון טעג פֿאַרלאָרענע די העלע קלאַנגען.

און אויב מיר גילט נאָר אַף איין אויגנבליק
פֿאַרגעסן זיך, מיטן געדאַנק צום נאָענטן צוריק
איך פֿלי—אַ פֿויגל פֿרײַ און מעכטיק.
און זע זיך נאָך אַ קינד. אַרום איז דאָרט דורכויס
אַלץ ערטער היימישע. אַ הויך אַ פּריציש הויז,
אַ סאָד, אַ פֿלאַנצשטוב אַ צעשטערטע.

מיט גרינער גראָזן-נעצ—די סאַזשלקע פאַרשטעלט.
און ס'רויכערט זיך דאָס דאָרף. און ווײַט אין פעלד—
עס שטייען אום דאָרט נעפּלען גרויסע.
אין טונקעלער אלייע כ'קום. און אָונט-שטראַל
קוקט אין געוויקס אַרײַן. אין געלן בלעטער-פאַל
די טריט די ציטערדיקע רוישן.

און אזא מאָדנע בענקעניש אין ברוסט שוין גליט
איך קלער דערפון, איך וויין און האָב עס ליב,
כ'האָב ליב דאָס ווערק פון טרוים פון מײַנעם,
מיט אויגן ברענענדיקע בלוי צעשטראַלט,
מיט שמייכל ראָזעווע, ווי הינטער וואַלד—
פון יונגן טאָג דאָס ערשטע שײַנען.

אזוי, א האַר, א מעכטיקער פון ווונדערלאַנד,
איך פלעג פאַרברענגען דאָרטן שאָענלאַנג,
און אָט דער זייכער לעבט נאָך איצטער
אין שטורם פון צווייפלען, לײַדגשאַפטן, ווי עס בליט
און לעבט א פרישער אינדזל אינדערמיט
פון יאמישער, פון פײַכטער וויסטע.

און ווען איך קוק זיך אום, און דעם געניאַר אַנטפּלעק,
און דער האַמוין-געררויש מײַן טרוים דערשרעקט—
דעם גאַסט אַפּ יאָנטעוו ניט פאַרביטן,
אָ, ווי מיר ווילט זיך עס צעשטערן זייער פרייד
און זיי א שלײַדער טאָן אין פּאָנעם אזעסדיקערהייט
א פערז אן אײַזערנעם פון בייז און ביטער!

1840

דער דיכטער

עס בלישטשעט מײַנ קינזשאל מיט דינע שניט פונ גאָלד,
די שטיל איז זיכער אָנ א קריצ נאָכ,
עס איז זײַנ קלונג אפ א געהיימענ ארט געשטאָלט—
אָנ ארב [1] פונ קריגערישנ מיזרעכ.

א רײַטער אינ די בערג ז׳געווענ זײַנ באלעבאָס,
אונ לאנג האָט ער געטרײַ געדינט אים.
ניט אפ איינ ברוסט א שפור א שרעקלעכנ געלאָזט,
אונ ניט איינ פאנצער פלעגט צעשינדנ.

געטיילט פארווײַלונגענ געהאָרכזאם, ווי א קנעכט,
אקעגנ שלעכטע רייד געקלונגענ גרויזאם,
אינ יענע טעג וואָלט אים דאָס גאָלדשניט דאָכ פארשוועכט,
וואָלט פרעמד אונ שענדלעכ אפ אים אויסזענ.

עס האָט באם טערעק [2] אימ פארנומענ א קאָזאק
פונ קערפער פונ זײַנ האר, זײַנ טויטנ,
אונ לאנג האָט ער דערנאָכ געוואלגערט זיכ אינ פאק
אינ אנ ארמעניש וואנדער־קלייטל.

[1] א ר ב — יעוושע.
[2] ט ע ר ע ק — א טײַכ אינ קאווקאז.

די שייך די אייגענע אין שטרײַטן שוין צעקריצט,
באַגלייטער אָרעמער—דעם העלד פאַרלאָרן.
א גאָלדן שפּילכל—שײַנט ער אף דער וואַנט אָט איצט,
און רומלאָז און אומשעדלעך שוין געוואָרן.

און קיינער פּוצט אים ניט, און קיינער מער ניט גלעט
מיט האַנט מיט זאָרגזאַמער און מיט געוויינטער,
און זײַנע אופשריפטן אין פּרײַקן געבעט
שוין קיינער אופמערקזאַם איצט לייענט ניט...

ניט דען אזוי אין אונדזער אויסגעצערטער צײַט
האָסט, דיכטער, דײַן באַרוף געוואָרפן.
אף גאָלד פאַרביטן יענע מאַכט, וואָס ס'פלעגן לײַט
אין שטומער ערעפורכט זי האָרכן.

כ'געדענק, דײַן מעכטיק וואָרט, זײַן וואָגיקער געקלאַנג,
צום שלאַכט דעם קעמפער האָט געריסן.
ס'האָט אים האַמוין געדאַרפט, ווי צו דעם מאָלצײַט א געטראַנק,
ווי ווײַרויך אין דער צײַט פון גאָטעס־דינסטן.

ווי גײַסט פון גאָט האָט זיך דײַן פערז געטראָגן איבער פאָלק,
אן אָפּקלאַנג פון געדאַנקען איידלע,
האָט ער געקלונגען הויך, ווי גרויסער זאַמל־גלאָק
אין פײַערטעג, אין טעג פון ליידן.

צו פּראָסטער שטאָלצער שפּראַך דײַנער מיר זײַנען קאַלט,
אונדז ציִען פליטערלעך און קונצן;
אן אַלטער שיינהײַט גלײַך, די אַלטע וועלט באַהאַלט
אין פּודער־פאַרבן אירע רונצלען.

באשפּאָטענער פּראָפּעט[1], וועסטו נאָכ ווענ אמאָל
צי קיינמאָל מער צו נעקאָמע־רופ דערוואכנ,
פונ שייד פונ גאָלדענער ארויסציִענ דאָס שטאָל,
וואָס איז באדעקט מיט ראָסטנ פונ פאראכטונג?

1838

---

[1] פּ ר אָ פּ ע ט—נאָווי.

פאָטערלאנד

מיט א באזונדער ליבע ליב מײַן היימאט האָב איך!
עס קאָן זי ניט באזינען מײַן פארשטאנד.
ניט רום, וואָס איז מיט בלוט דעראָבערט,
און ניט די שטאָלצע רו פון פאָטערלאנד,
און ניט די אוראלטע לעגענדעס די געהיימע
ניט וועקן אוף אין מיר די ליבע־טרוימען.

נאָר ליב האָב איך, איך ווייס גאָרניט פארוואָס,
דאָס קאלטע שווײַגן פון די ווײַטע פעלדער,
דאָס וויגן זיך פון די געדיכטע וועלדער,
דעם יאמיש־ברייטן טײַך־צעגאָס...

כ׳האָב ליב זיך יאָגן מיט דער פור אף שמאָלע וועגן,
מיט בליק מיט לאנגזאמען צערײַסן נאכט־געדיכט,
צו קלערן פון א בעט און שפירן שוין אקעגן
פון דערפער טרויעריקע די ציטערדיקע ליכט.

כ׳האָב ליב דעם רויך פון אָפּגעברענטע שניטן
און וואנדערנדיקע וועגענער אין סטעפּ,
און צווישן פעלדער געלע אין דער מיטן
בערעזעס ווײַסע צוויי מיט הויכע קעפּ.

מיט פרייד, וואָס ווייניקע זי שעצנ,
איכ זע אנ אָנגעפילטנ טויק,
א שטוב, וואָס איז באדעקט מיט שטרוי,
געשניצטע לאָדנס אפ די פענצטער.

אונ אינ די אָוונטנ מיט טוי באַפּײַכטע,
אום יאָנטעוו, כ'בינ ביז האלבנאכט גרייט
צו זענ די טענצ מיט טופענ אונ מיט פײַפנ,
אונ הערנ פויערישנ, שיקערנ גערייד.

א קאזאקישע וויג-ליד.

שלאָף, מײַן טײַער קינד, מײַן שיינער,
שלאָף, מײַן ליבער אײַן,
אין דײַן בעטל קוקט די ריינע
לעוואָנע-שײַן ארײַן.

ס'פליצט דער טערעק איבער שטיינער,
בייזע כוואליעס ווארפט,
ס'קריכט צום ברעג דער בייזער סוינע
און זײַן מעסער שארפט.
נאָר דײַן פאָטער איז א קריגער
און געפרווט אין שלאכט.
שלאָף, מײַן פיצל, רויִק ליג מיר,
שלאָף, א גוטע נאכט.

וועסט אליין נאָך וויסן שפעטער,
וואָס דאָס הייסט א קריג.
דרייסט ארײַנטאָן פוס אין טרעטער,
נעמען וועסט א ביקס.
כ'וועל מיט זײַדנס דיר דײַן זאָטל
אויסנייען צום שלאכט.
שלאָף, מײַן קינד דו, מײַן געראָטנס,
האָב א גוטע נאכט.

דו וועסט אויסוואקסן א גיבער,
א קאזאק—א יונג.
און מיט מיר וועסטו, מײַן ליבער,
זיך צעשיידן גרינג.
טרערן ביטערע כ׳וועל גיסן
דעמלט אָן א סאָף,
שלאָף, מײַן מאלעך, מיט א זיסן,
מיט א מילדן שלאָף.

וועל איך טרויערן א שטילע,
ווארטן דאָ פארשמאכט,
גאנצע טעג נאָר ריכטן טפילע,
טרעפן דורך דער נאכט.
וועל איך מיינען, אז דו בענקסט דאָרט
צווישן פרעמדע לײַט,—
שלאָף־זשע אײַנעט, קוים דו ווייסט ניט,
וואָס דאָס זאָרג באטײַט.

כ׳וועל א בילדעלע א הייליקס
געבן דיר אין וועג.
בא דער טפילע שטעל, מײַן ווילער,
דאָס פאר זיך אוועק.
און געדענקען זאָלסט דײַן מוטער
פארן בייזן שלאכט,
שלאָף, מײַן טײַערער, מײַן גוטער,
האָב א שטילע נאכט.

1840

וואַלעריק

איך שרײַב אײַך צופעליק גאָר, כ'לעבן,
איך ווייס ניט ווי און צוליב וואָס.
כ'האָב שוין דאָס רעכט דערויף פאַרלאָרן.
און וואָס וועל איך דען זאָגן אײַך.
אַז איך געדענק אײַך? — פּאָטער זיסער, —
איר ווייסט דאָס שוין אַליין פון לאַנג.
און ס'איז געוויס אײַך שוין אַלצייינס,
איר ווילט עס שוין געוויס ניט וויסן.

ווו בין איך ווו, און וואָס איך טו?
מיר זײַנען איינס דעם צווייטן פרעמד שוין,
און קאָנען מענטשן זײַן דען נאָענט?
ווען כ'מיש באַנײַס ווען אויף דאָס אַלטע
און איך באַקלער אַלץ נאָכאַנאַנד
מיט אָפּגעקילטן שוין פאַרשטאַנד,
איך הער אין אַלצדינג אויף צו גלויבן.
ס'איז לעכערלעך מיט האַרצן לײַגן
פאַר זיך אַליין אַזויפיל יאָרן.
וואָלט דאָס דער וועלט כאָטש עטוואָס אַרן.
און צודערצו, וואָס טויג עס גלויבן
אין דעם, וואָס איז שוין מער ניטאָ.

ס'איז נאַריש ווײַטע ליבע וואַרטן.
געפילן גייען גיך הײַנט איבער.
נאָר איך געדענק אײַך. יאָ, כ'געדענק.
כ'האָב אײַך פאַרגעסן ניט געקאָנט
דערפאַר, ווײַל ערשטנס האָב איך שטאַרק
און לאַנג און לאַנג אײַך ליב געהאַט,
און כ'האָב מיט אומרו און מיט פּײַן
באַצאָלט פאַר טעג פון לויטער גליק,
דערנאָך האָב איך אין בייזן אומעט
געשלעפּט די קייט פון שווערע יאָרן
און האָב דעם לעצטן לעבנס-בליט
געטויט מיט קאַלטן איבערקלערן.

פאַרקערנדיק באַהיט מיט מענטשן,
פאַרגעס איך יוגנט-שטיפערײַ
און ליבע, דיכטונג, אָבער אײַך
איז מיר פאַרגעסן ניט געלונגען.

זיך צוגעווינט צו דעם געדאַנק,
איך טראָג מײַן לאַסט און קלאָג ניט מער.
די אָדער יענע שטראָף—אַלציינס,
איך האָב דאָס לעבן שוין דערלערנט.

און ווי אַ טערק און ווי אַ טאָטער,
איך דאַנק פאַר אַלצדינג גלײַך מײַן מאַזל,
איך בעט בײַ גאָט קיין גליקן ניט
און שווײַגנדיק איך טראָג דאָס בייז.

קאָן זײַן, אַז אָט די מיזרעך-הימלען
דערנענט האָבן מיך אומווילִיק
מיט זייער ליבע. און דערצו

דאָס שטענדיקע דאָ וואנדערלעבן,
די מי און זאָרגן טאָג ווי נאכט,
דאָס אלץ, וואָס שטערט זיך צו באקלערן,
צום אורגעשטאלט דאָס ווידער ברענגט
דעם קראנקן גײַסט, עס שלאָפט דאָס הארץ,
דער דימיען האָט דאָ ניט קיין שפּרייטונג,
און ס׳האָט קיין ארבעט ניט דער קאָפּ...
דערפאר ליגסט אין געדיכטן גראָז
און דרעמלסט אונטער ברייטן שאָטן
פון ווײַנשטאָק, צי טשינארנבוים.
עס ווײַסן זיך ארום געצעלטן,
קאָזאקן־פערדלעך אויסגעדארטע
אראָפּגעלאָזט די נעזער שטייען,
בא די הארמאטן שלאָפן זעלנער,
און ס׳דרויכערן זיך קוים די קנויטן.
א צווייענדיקע קייט פון ווײַטנס.
אין דאָרעם־זון באגנעטן ברענען.
איך הער אין נאָענטן געצעלט
גייט א געשפּרעך וועגן אמאָל,
ווי מ׳איז אין טשעטשענער בערג
נאָך מיט יערמאָלאָוון [1] געגאנגען,
ווי מ׳האָט זיך עס אמאָל געשלאָגן,
מיר—זיי, און זיי—אונדז טיילווײַז אויך.
און אָט דערזע איך, בא דעם טײַכל
געטרײַ צו מאהאָמעטס געבאָטן,
א טאָטער שטיל א טפילע ריכט
און הייבט ניט אוף פון ערד זײַן בליק.

---

[1] יערמאָלאָוו — א גענעראל, וואָס האָט אײַנגענומען קאווקאז אין די 20-טע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

אָט איז נאָך טאָטערן א רעדל;
כ'האָב ליב דאָס געלע פּאָנעם זייערס,
די היטלען, די צעפּיקטע ארבל,
דעם ווייכן, נאָגנדיקן בליק
און זייער גאָרגלענדיק גערייד.

נאָר שא... א שאָס. אדורכגעפלויגן
איז מטאם א קויל. א ווילער קלאַנג.
אַט—א געשריי—אוןווידער שטיל
איז אלץ ארום. עס פאלט די היץ שוין.
מע פירט צום וואסער שוין די פערד.
עס האָבן זיך געריירט די זעלנער,
ס'איז דורך א רײַטער און א צווייטער.
מע רעדט: „וווּ איז די צווייטע ראָטע?"
„וואָס? לאָדן"? „און דער קאפּיטאן?"—
„ארויסעט גיכער מיט די וואָגנס!"
„סאוועליטש!"...—„וואָס"?—„דערלאנג נאָר פײַער!"—
עס קלאפּט צום אופשטיין שוין די פּויק.
עס ברומט די פּאָלקישע מוזיק,
קאַלאָנעס גייען, צווישן זיי
הארמאטן קלינגען. מיט זײַן סוויטע
פאָרויס זיך לאָזט דער גענעראל.
קאָזאקן האָבן זיך ווי בינען
צעשאָטן אינעם פעלד דעם ברייטן.
שוין האָבן צייכנס זיך באוויזן
באם זוים פון וועלדל. צווייי און מערער.
אָט רײַט מיט שטאָלצקייט א מיוריד [1]

---

[1] מ י ו ר י ד—א מיטגליד פון א קאווקאזער סעקטע אין די 20—50 יאָרן פ.י.ה.

אין א טשאלמא[1], אין רויטן מאלבעש.
עס זידט זיין פערד—דער ליכטיק-גרויער,
ער רייט און רופט:—נו, ווער וועט וואגן
ארויס צו אים אין קאמף אין לעצטן.
און באלד. אָט זעט, אין שווארצן היטל
האָט א קאָזאק צו אים געלאָזט זיך.
ארויסגעכאפט געשיקט די ביקס.
שוין נאָנט... א שאָס... א גרינגער רויך.
קאָזאקן, היי. געשווינד נאָך אים!
פארוואונדעט?—א? ס'איז גאָרניט, ווייס איך,
און אָט—א שיסעריי פארקניפט זיך...

נאָר אין אָט די פארשייטע שטרייטן
איז שפיל אסאך און ווייניק נוצן.
אין קילע אָוונטן מיר פלעגן
זיי אָנקוקן שוין אָפט אזוי,
אָן בלוטדאָרשטיקער אופגערעגטקייט,
ווי גלאט א טראגישן באלעט.
נאָר כ'האָב געזען אזעלכע שפילן,
וואָס אף דער בינע זעט איר ניט.
געווען ס'איז איינמאָל בא גיכאמי[2]
מיר זיינען דורך א טונקלען וואלד,
מיט פלאם האָט איבער אונדז געברענט
די ליכטיק-בלויע הימל־הייך.
מע האָט דערוואַרט א שלאכט א הארטן.
פון דער איטשקעריע דער וויטער

[1] טשאלמא—א מין שלייער אפן קאָפ, וועלכן ס'טראָגן מאכמעדאנער.
[2] גוכאמי, איטשקעריע, טשעטשניע—נעמען פון קאווקאזער ערטער.

שוין האָבן יונגע זיך געקליבן
אין דער טשעטשניע צום רוף פון שלאכט.
און איבער אוראלטישע וועלדער
געפינקלט האָבן טורעם־לייכטערס
און דאָ־האָט רויך זיך הויך געצויגן,
און דאָ־אין וואָלקנס זיך געשפרייט.
און וועלדער האָבן אופגעלעבט.
געקליבן ווילד זיך האָבן קוילעס
אונטער די גרינע וואלד־געצעלטן.
ווי נאָר דער צוג [1] איז אפ דער לאָנקע
ארויס—פארבינדט זיך א געשלעג.
מע בעט אין אריערגראד הארמאטן.

מע טראָגט די ביקסן פון די שטרויכן,
אָט שלעפט מען מענטשן פאר די פיס
און אפ א קאָל מע רופט די רויפעס... [2]
און אָט פון וועלדל טוט מען פלוצעם
מיט גוואלד א וואָרף זיך צו הארמאטן.
באשאָטן ווערט פון בוימערשפיצן
מיט קוילנשלאקס דער טייל... און פאָרנט
איז שטיל... דאָרט צווישן פלאנצן
א שטראָמל יאָגט, מיר קומען נאָענט,
מיר ווארפן עטלעכע גראנאטן.
זיך נאָך א רוק געטאָן. ס'איז שטיל.
נאָר אָט פון אונטער וואלגער־ברעטער
האָט דאָרט א גלאנץ געטאָן א ביקס,
א פינטל טוען היטלען צוויי,

---

[1] דער צוג—דאָ דער „אָבאָז“—די פורן מיט פראָוויזיע פאר די זעלנער.
[2] רויפעס—דאָקטוירים.

און ווידער אלץ אין גראָז פארפאלן.
דאָס איז געווען א גרויזאמ שוויַיגן.
עס האָט זיך שוין ניט לאנג געצויגן,
נאָר אין דעמ שרעקלעכן דערווארטן
האָט אופגעציטערט ניט איין הארצ...
און אָט—א זאלפ—עס ליגן רייען...
איז וואָס? קיין שרעק. די היגע פאָלקן
זיַינען געפרווט. „באגנעטן, שטעכט!"
„איניינעמ!"—האָט דערהערט זיך הינטן.
און בלוט אין ברוסט האָט זיך צעפלאמט.
— די אָפיצערן אפ פאָרויס...
ווער ס'איז פון פערד נאָך ניט אראָפ
האָט רייַטנדיק פאָרויס געלאָזט זיך,
— הוראן און שטיל. אנטבלויזט קינזשאלן.
— מיט קאָלבעס!—איז אוועק א באָד.
צוויי שאָ מע האָט זיך דאָרט געשלאָגן
אין וואסער־שטראָמ. געשניטן גרויזאמ.
ווי כייַעס, שטיל, און ברוסט צו ברוסט.
פארהאטיעט מ'האָט דעמ שטראָמ מיט גופים.
כ'האָב וואסער אָנשעפן געוואָלט
(ס'האָט היצ און שלאכט מיך אויסגעמאטערט),
נאָר ס'איז די אופגעוויגטע כוואליע
געווען וואַרעמלעך און רויט.

אין דעמבן־שאָטן אפן ברעג
איז נאָך דער ערשטער ריי פון גראָבנס
א ראָד געשטאנען. איין סאָלדאט
שטייט אפ די קני. פארגרעבט און שטרענג
די פענעמער בא אלע קוקן.
נאָר פון די שטויב־באדעקטע וויִעס

כ׳זע טרערן טריפן. צוגעשפּאַרט
צום בוים איז זייער קאַפּיטאַן
געלעגן. שטיל האָט ער געגויסעסט.
צווײ ווונדן קליינע שוואַרצן קוים
בא אים אין ברוסט. און קוים נאָך טריפט
פון זיי דאָס בלוט. נאָר הויך און שווער
די ברוסט זיך הייבט. און ס׳בלאָנקען שרעקלעך
די בליקן זײַנע. שטיל ער מורמלט:
— אָ, רעטעט, ברידער, מ׳שלעפּט אין בערג!
שטייט, שטייט! ווו איז דער גענעראַל?
איך הער ניט... לאַנג האָט ער געקרעכצט,
נאָר שוואַכער אַלץ—און ביסלעכווײַז
גאָר אײַנגעשטילט—און אויסגעגאַנגען.
אַז ביקסן אָנגעשפּאַרט אַרום
געשטאַנען זײַנע גרויע זעלנער
און שטילערהייט געוויינט. דערנאָך
האָט מען דעם קאַלטן קערפּער זײַנעם
מיט מאַנטל זאָרגזאַם אײַנגעדעקט
און אים אַוועקגעטראָגן שטיל...
איך האָב זיי נאָכגעקוקט מיט צאַר.
מ׳האָט לעבן מיר מיט זיפצן דערמאָנט דאָ
כאַווײרים, פרײַנט און גוטע ברידער,
נאָר ניט געוועזן בא מיר אין האַרצן איז
ניט קיין באַדויער, ניט קיין טרויער.

פאַרשטילט איז אַלץ. די טויטע קערפּערס
צונויפגעשלעפּט. ס׳האָט בלוט פון זיי
געשטראָמט נאָך רויִק איבער שטיינער.
און מיט דעם שווערן הויך פון בלוטן
די לופט איז פול. דער גענעראַל

האָט צוגעזעצט זיך אָפ דער פויק
און ראַפּאָרטן האָט אָפּגענומען.

דער וואַלד ארום, ווי אין א נעפל,
האָט זיך אין פּולווער־רויך געבלויט,
און דאָרטן ווײַט אין בייט ניט־גלײַכער,
נאָר אייביק־רויִקער און שטאָלצער,
אין זייער שניי־דעק האָבן בערג
געצויגן זיך. און ס'האָט קאַזבעק
געשײַנט מיט קאָפּ מיט זײַן פאַרשפּיצטן.
און מיט געהיימען צער אין הארצן
האָב איך געטראַכט:—געמיינער מענטש,
וואָס וויל ער נאָך? ס'איז קלאָר דער הימל,
און אָרט איז דאָ געגנוג פאַראַנען,
נאָר אָן אַן אויפהער און אומזיסטיק
דער מענטש, ער איינער, שטרײַט, צו וואָס?

— גאַלוב שלאָגט איבער מײַנע טרוימען
מיט קלאַפּ אין אַקסל, מײַן קונאַק [1]
איז ער געווען. איך האָב געפרעגט אים:
דאָס אָרט דאָס דאָזיקע ווי רופט מען?
האָט ער געענטפערט—וואַלעריק.
אָפּ אײַער שפּראַך וואָלט דאָס געהייסן
דאָס טויטע טײַכל. אַלטע לײַט
געגעבן האָבן אָט דעם נאָמען.
— און וויפל האָבן זיך אַנערעך
געשלאָגן הײַנט?—אַ זיבן טויזנט.
— און וויפל האָבן זיי פאַרלאָרן?

---

[1] קונאַק—אַ מין שלאַכט־כאַווער און באַדינער.

— ווער ווייסט? וואָס האָט איר ניט געציילט?
— זיי וועלן — האָט געזאָגט נאָך איינער —
דעם טאָג דעם בלוטיקן געדענקען.
א שמייכל האָט גאַלוב געטאָן
און מיטן קאָפּ געטאָן א שאָקל...

נאָר איך האָב מוירע אײַך דערעסן,
בא אײַך דאָרט וועלן נאַריש אויסזען
די ווילדע אומרוען פון קריג;
איר זײַנט ניט צוגעוווינט צו קלערן
אין שווערן צאַער וועגן סאָף.
אַף אײַער יונג געזיכט ז׳קיין שפּורן
פון זאָרג און טרויער ניט געפינען.
איר האָט אוואַדע קיינמאָל נאָך ניט
געזען פון נאָענט, ווי מע שטאַרבט.
זאָל גאָט אײַך העלפן דאָס ניט זען
אַף ווײַטער אויך. פאַראַן גענוג
אויך אַנדער זאָרג. איז דען ניט בעסער
אין זעלבסטפאַרגעסנקײַט פאַרגיין,
מיט שלאָף מיט וואַכלאָזן אײַנשלאָפן
און טרוימען וועגן נאָענטן אופשטײַן.

אצינד, אַדיע! און אויב ס׳וועט אײַך
די איינפאַכע דערציילונג מײַנע
דערפרייען, פאַרנעמען כאָטש אַביסל,
כ׳וועל אויך זײַן גליקלעך. אויבער ניט,
פאַרצײַט עס מיר, ווי שטיפערײַ,
און גיט אײַך שטיל א זאָג: — „א לעצ”...

1840

דער וויקועכ [1]

מיטנ בארג קאזבעק אנומלט
האָט דער הויכבארג שאט [2]
פאר דעמ שייוועט בערג ארומעט
הויכ א שמועס געהאט.

„היט זיכ! האָט דאנ צו קאזבעקנ
גרייַזער שאט געזאָגט:
ווייסט נאָכ ניט, א וועלכע שרעקנ
מענטשנס מאכט דיר טראָגט!

ער וועט דאָ געצעלטנ בויענ
אפ די טרעפּ פונ בערג,
אינ די שפּאלטנ דייַנע גרויע
וועלנ הילכנ העק.

אונ ס'וועט רייַסנ זיכ דאָס אייַזנ
אינ דייַנ שטיינ־געגליד,
גאָלד אונ קופּער דאָרטנ רייַסנ,
לאָזנ שווערע שניט.

---

[1] וויקועכ — א וואָרט־שטרייַט.
[2] שאט אונ קאזבעק — בערג אפ קאווקאז.

זע, שוין גייען קאַראַוואַנען
איבער יענער הייך,
וואָס נאָר אָדלערס און טומאַנען
האָבן ווען דערגרייכט.
מענטש איז קלוג. ס'איז שווער געווים דאָך
שטענדיק ערשטער שטיס—
היט זיך, היט זיך פאַרן מיזרעך—
ער איז שטאַרק און גרויס".

—כ'האָב פאַר מיזרעך ניט קיין מוירע—
ענטפערט אים קאַזבעק.
ס'שלאָפט דער מענטש שוין דאָרט נײַן דוירעס,
שלאָפט גאָר אָן אַן עק.
זע: אין אַ טשינאַרן־שאָטן
אַ גרוזינער זיצט
און אַף אויסגעגייטן אָנטאָן
זיסן ווײַן צעגיסט.
בײַ די פּערלנע פאָנטאַנען,
רויכערנדיק קאַליאַן,
אַף די פאַרביקע דיוואַנען
דרעמלט טעהעראַן.
זע, צופוס פון ירושלאַיִם,
וויסט און שטומערהייט,
ליגט, פון גאָט געלאָזט אין פײַער,
אַ מעדינע טויט.
ווײַטער דאָרט, אין זון פאַרלאָרן,
געלער נילוס שווענקט
פון די מאַלכעסדיקע קוואָרים
דעם צעגליטן שטיין.
צוליב פאַרביקע געצעלטן

האָט דער בעדויִנ
רויב פארלאָזט. אונ וועגנ העלדנ
א פארטרוימטער זינגט.
אלצ, וואָס פארנ אויג איז אָפנ,
שלאָפט אינ רו פארווינט.
ניט פונ מיזרעכ פונעמ גראָווג
וועל איכ זײַנ באזיגט.

— ניט בארימ פאָרויס זיכ, ברודער!—
מאכט דער אלטער שאט:
זעסט אינ נעפל עפעס רודערט
דאָרט אינ צאָפנ־זײַט.
אונ קאזבעקנ האָט געטראָפנ
אָט די בסורע שווער,
אונ צעמישט—אינ טונקלענ צאָפנ
זיכ פארקוקט האָט ער.
אונ ער קוקט זיכ אײַנ פארלעגנ,
קוקט שוינ טיפ פארקלערט,
זעט א מאָדנע מינ באוועגונג,
קלאנג אונ רויש ער הערט.

פונ אוראל ביז טײַכ דעמ גרויסנ,
ביזנ טײַכ דונײַ,
שײַנענ, וויגנ זיכ אונ רוישנ
פאָלקנ ריי נאָכ ריי.

ווײַסע וויגנ זיכ סולטאנענ,
ווי דאָס גראָז אינ סטעפ.
בונטע יאָגנ זיכ אולאנענ
אינ א שטויב פארוועבט.

גייענ קר״גער־באטאליאָנענ
אינ די ר״יענ ענג,
אפ פּאַרו״ס זיי טראָגנ פאָנענ,
פוּיקנ קלאפנ שטרענג.
רוישנ, יאָגנ באטארייענ
אינ א קוּפּער־פּראָנט,
פונ די קנויטנ רויכנ גייענ,
גלײַכ א שלאכט איז נאָענט.
אונ מיט אויגנ בייז־צעשטראלטע,
אונ אינ שלאכט געניט,
די ארמייענ שוינ אנ אלטער
גענעראל דאָרט פירט.
מעכטיק גייענ אלע פאָלקנ,
רוישיק ווי א טײַכ,
שרעקלעכ לאנגזאמ, ווי די וואָלקנס,
אונ אפ מיזרעכ גלײַכ.

אונ פארפוּלט מיט שווערע גרוילנ
אונ מיט שווארצער פײַנ,
האָט קאזבעק שוינ אויסצוציילנ
ניט געקאָנט דעמ פײַנט.
נאָר באקוקט מיט טריבע אויגנ
זײַנע בערג ארומ,
טיפ דאָס היטל אָנגעצויגנ
אונ געבליבנ שטומ.

1841

* *
*

אדיע, דו רוסלאנד, קויטיק־גרויע,
דו לאנד פונ קנעכט, דו הארנ־לאנד,
אונ איר, מונדירנ זייער בלויע,
דו פאָלק, וואָס פאָלגסט זיי נאָכאנאנד.

ס'וועט, מעגלעכ, כאָטש קאווקאז מיכ רעטנ
פונ דיינע הערשער, אלנפאלס—
פונ זייער אויג, וואָס אלצדינג זעט עס,
פונ אויערנ, וואָס הערנ אלצ.

1841

II

נעװיִעס

און קומען װעט צו רוסלאַנד א בייז יאָר צו גיין,
װען פאַלן װעט פון קאָפּ פון קייסערשע די קרוין,
און אויפֿװאַכן אין פאָלק װעט האַס און װוט,
און דינען פאַר א שפּײַז װעט טויט און בלוט.

װען ס'װעט ניט שיצן מערער קיין געזעץ און דין,
ניט ריינע פרוי און ניט קיין פיצל קינד,
װען פון געשטאַנק פון טויטע קערפּער װעט
די פּעסט אין דערפער טרויעריקע אַװעק

אַרויסרופן מיט טוך פון יעדן הויז,
װען הונגער אינעם קאַנט װעט װערן גרויס
און רויט באַפאַרבן װעט די טײַכן, — דאַן,
דאַן װעט באַװײַזן זיך א פּעסטער מאַן,

און דו װעסט אים דערקענען און פאַרשטיין,
פאַרװאָס ער האַלט א מעסער אין די הענט,
און װיי װעט זײַן צו דיר, — דײַן קרעכץ און דײַן געװיין
װעט זײַן אים לעכערלעך, װעט זײַן אים פרעמד,
און זײַן װעט שרעקלעך אַלץ און שטרענג אין אים,
װי הויכער שטערן זײַנער, װי זײַן הויכע שטים.

1630

א מאַלעך

א מאַלעך האָט האַלבנאַכט אין הימל געשוועבט
און א ליד האָט א שטילע געוועבט.
צו לעוואָנע, צו שטערן, צו וואָלקנס אין הייך
די הייליקע ליד האָט דערגרייכט.

געזונגען האָט ער וועגן ליכטיקער וועלט,
פון גייַסטער אין הימל־געצעלט.
געזונגען פון גאָט, פון זייַן גרויסקייַט אַרום,
און ריין האָט געקלונגען זייַן רום.

געטראָגן א יונגע נעשאָמע האָט ער
פאַר שווערער פאַרומערטער ערד,
און ס'האָט גאָר אָן ווערטער דעם קלאַנג פון דער ליד
די יונגע נעשאָמע פאַרהיט.

און זי האָט אויף וועלטן געמאַטערט זיך לאַנג,
פאַרפולט מיט א וווּנדער־פאַרלאַנג,
און נימעס לידער פון ערד האָבן ניט
פאַרבייַטן געקאָנט יענע ליד.

1831

פארלאנג

פארוואָס כ׳בין קיין פויגל, קיין סטעפּישע קראָ,
וואָס איז דורך איבער מיר אָט אָ דאָ?
וואָס קאָן איך אין הימלען ניט אומשוועבן פריי,
און בלייבן דער פרייהייט נאָר טריי?

אף מייַרעוו, אף מייַרעוו אוועק כ׳וואָלט געשווינד,
ווו דאָס פעלד, ווו דאָס היימישע גרינט.
ווו ס׳רוט אין א שלאָס אף פארנעפּלטן שטיין
פון די זיידעס דאָס עלנט געביין.

אף אוראלטער וואנט אין דעם אוראלטן שלאָס
הענגט א שווערד און א שילד דאָרט פארלאָזט,
געפלויגן וואָלט איך איבער שילד, איבער שווערד
און דעם שטויב מיט א פליגל פארקערט.

פון שאָטישער האַרפּ כ׳וואָלט א סטרונע דערלאנגט,
און אוועק ביזן דאך וואָלט דער קלאנג,
דורך איינעם געהערט, און פון איינעם דערוועקט,
וואָלט צעשאלט זיך און גלייַך זיך געעקט.

נאָר פּוסט איז דער טרוים און אומזיסט דאָס געבעט
קעגן גוירלשן שטרענגן געזעץ,
צווישן מיר דאָ און צווישן מייַן פאָטערלאנד ברייט
האָט דער יאַם זייַנע כוואליעס צעשפּרייט.

א לעצטלינג פֿונ העלדישע קריגער פֿאַרוועלקט
כ'װער איכ פֿרעמד, צווישנ שנייענ אונ קעלט.
געבוירנ אָט דאָ, נאָר מײַנ זעל ניט פֿונ דאָ,
אָ, פֿאַרוואָס כ'בינ קײנ סטעפּישע קראָ?

1831

דער זעגל

עס ווײַסט אין יאם־ווײַט זיך א זעגל,
אין בלויען נעפּל איין־אליין.
וואָס זוכט ער דאָרט אפּ ווײַטע וועגן,
און וואָס פארלאָזט האָט ער אינדרהיים.

עס פײַפט דער ווינט און כוואליעס ברויזן,
און סקריפּענדיק די מאסט זיך וויגט.
נאָר ווי—ער איז קיין גליק ניט אויסן,
און ער אנטלויפט אויך ניט פון גליק.

ס'שײַנט אונטער אים א שטראָם א קלאָרער.
און הויך שפּילט העלע זונענשײַן,
און ער, דער מוירעד[1], זוכט דעם שטורעם,
באגלײַך אין שטורעם דו וואָלט זײַן.

1832

[1] מ ו י ר ע ד—בונטאר.

דער געפאנגענער

עפנט, עפנט דאָס געפענק מיר,
גיט מיר שײַן פון טאָג אהער,
א שווארצויגיק מיידל ברענגט מיר,
ברענגט מיר א שווארצגריוויק פערד:
כ'וועל די שיינהייט די געוויסע
געבן פריִער א קוש א זיסן,
אפן פערד ארופ געשווינד
און אנטלויפן ווי דער ווינט.

אָבער הויך איז טפיסע־פענצטער,
שווערע טיר איז אפ א שלאָס;
די שווארצויגיקע, די שענסטע,
איז אין ווײַטן טורעם־שלאָס;
גוטער פערד אין פעלד גערוימענ
לויפט א פרײַער אום אָן צוימען,
שפילט און שפרינגט ארום מיט פרייד,
אפן ווינט דעם עק צעשפרייט.

עלנט בין איך — הוילע ווענט דאָ,
און קיין טרייסט איז ניט פאראן!
צאנקט א שטראל פון פינצטער לעמפל
מיט א שטארבנדיקן פלאם.

אונטער טירנ אונטער שווערע
טריט געמאָסטענע זיכ הערנ —
אינ דער שטילקײט פונ דער נאכט
שפאנט דער וועכטער אפ דער וואכ.

1837

קאזבעק [1]

פונ ווארעמע, פונ פרעמדע ערטער
צוריק אפ צאָפנ ווענ איכ קער,
צו דיר, קאזבעק, אָ, מיזרעכ-ווערכטער,
אנ אָפשייד־גרוס איכ ברענג אהער.

פונ אייביק דײַנ געקנייטשטער שטערנ
מיט ווײַסנ שלייער איז באדעקט,
אונ שטאָלצער מענטש וועט ניט צעשטערנ
דײַנ שטאָלצע רו מיט זײַנ געבעט.

גאָר זאָל פונ הארצ דער שטילער ציטער
דורכ פעלזנ דײַנע קומענ גלײַכ
אינ שטערנ־רײַכ, אינ דײַנע גיטער,
צום שטול פונ אייביקנ אלאכ [2].

איכ בעט, זאָל קילער טאָג זיכ שפרייטנ
אפ שטויב פונ שליאכ, אינ הייסנ טאָל,
אז אינ דער וויסטע אינ דער טויטער
זאָל איכ געפינענ רו אמאָל.

---

[1] קאזבעק — א בארג אינ קאווקאז.
[2] אלאכ — אלא — א גאָט בא די מאכמעדאנער.

איך בעט, עס זאָל מיך קיין געוויטער
מיט פײַערבליץ און דונער־שאַל
ניט טרעפן מיט א פערד א מידן
אין בייזן טאָל פונעם דאַריאַל.

נאָך איינ באקאָשע איז פארבליבן...
כ׳האָב מוירע זאָגן... ס׳הארצ טוט ווײ...
קאָן זײַן, אז זינט איך בין פארטריבן,
האָט מען פארגעסן מיך אין דר׳היים!

צי וועל איך דאָרטן טרעפן ווידער
צעשפרייטע אָרעמס, פרייד און שײַן?
צי וועלן פרײַנט, צי וועלן ברידער
דערקענען מיך נאָך יאָרן פײַן?

צי איך וועל שוין אפן בעסוילעם
דעם ליבן אש באטרעטן בלויז
פון יענע גוטע, הייסע, ווילע,
כאַוויירים פון מײַן יונגן ברויז.

אָ, אויב אזוי, מיט דײַן געוויטער,
קאזבעק, געשווינדער מיך פארדעק,
מײַן היימלאָז אש צעוויי אָן מיטלייד
איבער די בארג־שפאלטן, קאזבעק.

1837

* * *

ווענ ס׳כוואליעט זיכ דאָס געלע פעלד געראָטנ,
באמ קלאנג פונ ווינט, ווענ ס׳רוישט דער פרישער וואלד,
אונ רויטע פלוימ אונטער דעמ זיסנ שאָטנ
פונ גרינעמ בלעטל זיכ אינ סאָד באהאלט;

ווענ זילבערדיקער לאנדיש־בלומ, א קלאָרער,
מיט ריינעמ טוי מיט דופטיקנ באהויכט,
אינ אָוונט פורפורנעמ, אינ גאָלדענע קאיאָרנ
מיר ווינקט ארויס פונ אונטער יעדער שטרויכ;

ווענ ס׳שפילט דער קילער קוואל איבער די ליימענ,
פארוויגנדיק דאָס הארצ אונ דעמ פארשטאנד,
אונ ער דערציילט א מײַסע א געהיימע
פונ מילדנ קאנט, פונוואנ ער פלייצט אונ שטאמט, —

אנטשטילט דער אומרו אינ מײַנ הארצנ ווערט דאנ,
די רונצלענ אפנ פּאָנעמ זיכ צעגיינ,
אונ גליק באנעמענ קאָנ איכ אפ די ערדנ,
אונ כ׳זע אינ הימלענ גאָט אליינ.

דער קינזשאַל

קינזשאַל געשמידטער מײַנער, כ'האָב דיך האָלט,
דו פרײַנט מײַן קאַלטער און מײַן בעסטער.
ס'האָט א גרוזין צוליב נעקאָמע דיך געשטאָלט
און ס'האָט צום שלאַכט געשליפן א טשערקעס דיך.

א ליליען־האַנט האָט דיך געשענקט אמאָל
צום אָנדענק מיר, אין רעגע פון צעשיידן,
און ס'האָט געטריפט ניט בלוט דאַן איבער שטאָל,
נאָר קלאָרע טרער — א פּערעלע פון ליידן.

און פול געהיימע צאַער האָבן דאַן
די שווארצע אויגן אירע מיך געוואָרנט.
און ווי דײַן שטאָל באַם ציטערדיקן פלאַם —
אָט טונקל און אָט ווידער העל געוואָרן.

א שטומע ליבע־גאָב באַגלייטסט מיך אויף דער וועלט,
און מיר, דעם וואַנדערער, וועסטו א מוסטער ווײַזן:
יאָ, כ'וועל ניט בײַטן זיך. ס'וועט בלײַבן פעסט מײַן זעל,
ווי דו, ווי דו, מײַן פרײַנט פון אײַזן.

1837

דרײַ פּאַלמעס

(אַ מידרש־לעגענדע)

אין זאַמדיקן סטעפּ פון אַראַבישן לאַנד
עס זײַנען דרײַ פּאַלמעס געוואַקסן דאָרט שלאַנק.
און ס'האָט צווישן זיי פונעם פּרוכטלאָזן באָדן
אַ קוואַל מיט געריש אַזאַ קאַלטער געשלאָגן,
אין שאָטן פון בלעטער פון גרינע באַהיט
פאַר שטראַלן, וואָס בריען, פאַר זאַמד, וואָס פאַרשיט.

און יאָרן אַסאַך זײַנען דורך אומגעהערט,
נאָר וואַנדערער מידער פון ווײַטפרעמדער ערד
מיט דורשטיקער ברוסט ניט גענויגט האָט זיך קיינמאָל
צום וואַסער צום קאַלטן, אין שאָטן פוןביימער,
און ס'האָבן געדאַרט שוין פון ברענענדן שטראַל
די פּרעכטיקע בלעטער און הילכיקער קוואַל.

און ס'האָבן די פּאַלמעס געמורמלט אף גאָט:
צי איז אונדזער גורל צו וועלקן דאָ־אָט?
אָן נוצן אין וויסטע געוואַקסן, צעבליט זיך,
פון ווינטער געוויגט און געברענט פון די היצן,
און קיינעם דערפרייט ניט דעם בליק, ניט דאָס האַרץ.
ניט רעכט איז, אָ הימל, דײַן הייליקער גזר.

און ווי נאָר אנטשוויגן — איז ווײַס — ווי א סטויב
האָט הויך זיך פארקנוילט שוין א גאָלדענער שטויב.
און אָט — עס דערטראָגן זיך קלאנגען פון גלעקלעך,
עס שימערן פעק מיט טאפעטן באדעקטע,
און קעמל נאָך קעמל, ווי שיפלעך אין יאם,
זיי גייען צעהוידעט און גראָבן דעם זאמד.

און ס'וויגן זיך פאלדן פון וואנדער־געצעלט
אף הויקערס אף הארטע פאנאנדערגעשטעלט,
עס הייבן די פאלדן ווען הענטלעך פארברענטע,
און אויגן און שווארצע פון אונטער זיי בלענדן,
און פערד זײַנעם הייס אן אראבער דאָרט טרײַבט,
אף פאָרנט געבויגט דאָס מאָגערע לײַב.

עס שטעלט זיך דאָס פערד אף די הינטערשטע פיס
און שפרינגט, ווי א בארס, ווען עס טרעפט אים א שפיז.
און פאלדן און שײַנע פון קלייד פון דעם קלאָרן
זיך פלאָנטען צעוואָרפן אף אקסל פון פאָרער.
מיט פײַפן און מיט שאל זיך צעיאָגט אפן זאמד,
ער שלײַדערט די שפיז און דעריאָגט זי און פאנגט.

און דער קאראוואן צו די פאלמעס איז צו
און פריילעך אין שאָטן באלייגט זיך אף רו.
און ס'פילן זיך רוישיק מיט וואסער קופשינען,
און שאָקלענדיק שטאָלצ מיט די קעפ מיט די גרינע,
באגריסן די פאלמעס די געסט פון דער וויסט,
און מילד זיי דער קוואל אויך דער קאלטער באגריסט.

נאָר ווי נאָר ס'איז דעמער געפאלן אף ערד,
האָט הארט בא די וואָרצלען א האק זיך דערהערט,
און ס'זײַנען געפאלן די פאלמעס געטויטע.

באריסנ פונ זיי האָבנ קינדער די קליידער,
אונ זייערע קערפערס צעהאקט האָט מענ דינ,
אונ מ׳האָט זיי אפ שייַטערס געברענט ביז באגינ.

אונ ווענ ס׳איז דער נעפל צו מייַרעוו אוועק,
איז דער קאראוואנ שוינ געגאנגענ זייַנ וועג,
אונ אש נאָר אונ קאלטער געבליבנ איז גרויער —
אפ פרוכטלאָזנ באָדנ א סימענ פונ טרויער.
אונ זונ האָט די טרוקענע שייַטלעכ דערברענט,
אונ ווינט האָט דערנאָכ זיי אינ סטעפעס פארשווענדט.

אונ איצט איז אלצ ווילד דאָרט ארומ אונ שוינ טויט,
מע הערט צווישנ בלעטער אונ קוואל קיינ גערייד.
אונ שאָטנ בא גאָט בעט דער קוואל דאָרט אומזיסט שוינ,
מיט זאמדנ צעגליטע פארשיט אימ די וויסטע.
א שפארבער צעפאטלט מיט גרויזאמער שטימ
די רויב זייַנע צופט נאָר אונ פליקט איבער אימ.

1839

וואָלקנס.

הימלשע וואָלקנדלעך, אײביקע וואַנדערער,
שנירעלעך פּערל אין בלויקײַט פֿאַרלאָרענע,
ווי איך אַ פֿאַרטריבענער, אײנס נאָכן אַנדערן
יאָגט איר פֿון צאָפֿן פֿון ליבן צו דאָרעם־זײַט.

ווער־זשע פֿאַרטרײַבט אײַך: באַשײד פֿונעם גורל דען?
קינע געהײמע? צי בײזווילן אָפֿענער?
צי אַ פֿאַרברעכן גאָר איבער אײַך הויערט דאָ?
גיפֿטיקער בילבל פֿון פֿרײַנט האָט געטראָפֿן אײַך?

ניין, ס'האָבן פֿעלדער דערעסן אײַך ליידיקע...
פֿרעמד איז אײַך ליידנשאַפֿט, לײַד אײַך פֿאַריבער גײט,
קאַלטע און פֿרײַע—איר טראָגט זיך דאָ אײביק אום,
האָט ניט קײן הײמלאַנד און ווײסט קײן פֿאַרטריבנקײַט.

אַפּרעל 1840

דער געפאנגענער ריטער [1]

כ'זיץ בא דעם פענצטער פון טפיסע א שטילער,
כ'זע אָן פונדאנענ א הימל א בלויענ.
פויגלענ אלצ פרײַע אינ הימל זיכ שפילנ,
קוק איכ מיט ווייטיק אפ זיי מיט ביזאָיענ.

כ'האָב ניט אפ ליפנ קיינ טפילע קיינ עכטע,
כ'האָב ניט קיינ לויבליד פאר ליבסטער פונ הארצנ,
כ'האָב פארגעדענקט נאָר די אלטע געפעכטנ,
שווערד מײַנעם שווערנ אונ אײַזערנעם פאנצער.

כ'בינ איצט מיט שטיינערנעם פאנצער באוואָרנט,
ס'דריקט אפנ קאָפּ מיר א העלם פונ שטיינער,
שילד איז פונ שווערד אונ פונ פײַלנ באשוואָרנ,
פערד מײַנער לויפט אונ עס פירט מיט אים קיינער.

שווינדיקע צײַט איז מײַנ פערד מײַנ געניטער,
דעק פונעם העלם זײַנענ גראטעס פונ פענצטער,
שילד מײַנער—טפיסישע טירנ געשמידטע,
שטיינערנער פאנצער—די ווענט אָט די פעסטע.

יאָג־זשע זיכ, שווינדיקע צײַט, ניט פארשפעטיק,
ענג איז מיר אונטער דעם פאנצער דעם נײַעם,
טויט וועט באמ אָנקומ מיר האלטנ דעם טרעטער,
וועל איכ אראָפּ אונ דאָס פּאָנעם באפרײַענ.

1840

[1] ריטער—א קריגער אינ דער מיטלאלטערלעכער אייראָפּע.

א שאָכן

אָ, שאָכן טרויעריקער, ווער דו זאָלסט ניט זײַן,
איך האָב דיך ליב גלײַך ווי א יוגנט־פרײַנט,
דו, צופעליקער כאַווער אין מײַן טפיסע,
כאָטש ס׳האָט דער גוירל אונדז דאָ איינס פון צווייט
אפ אייביק מיט זײַן כיטרער שפיל צעשיידט,
איצט מיט א וואַנט און נאָכדעם מיט ניט־וויסן.

ווען זון־פאַרגאַנג מיט שיידנדיקער שײַן
אין טפיסע־פענצטער שיקט א גרוס ארײַן
פון ווײַטע הימלדיקע סאָפן,
ווען אָנגעשפּאַרט אפ קלינגנדיקער ביקס,
דער וועכטער זיך דערמאָנט אמאָליק גליק
און שטייענדיק ער ווערט אנשלאָפן, —

דעם קאָפ געבויגן צו דער נאַסער וואַנט,
איך הער — און אין דער וויסטער שטילקײַט דאַן
געזאַנגען דײַנע זיך דערהערן.
איך ווייס ניט, וואָס באַטײַטן זיי,
נאָר ווײ־פול זײַנען זיי. און שטיל אזוי
די קלאַנגען גיסן זיך, ווי טרערן.

און אין דער ברוסט אין מײַנער ווערט באַנײַט
די האָפענונג, די ליבע פון דער גוטער צײַט,
און ווײַט פאַרטראָגן מיך געדאַנקען.
און פול ווערט גײַסט מיט דראַנג און מיט באַגער
און ס'קאָכט דאָס בלוט—און טרער נאָך טרער
פון אויגן גיסן זיך, ווי קלאַנגען.

די שכײנע

כ׳האָב די האָפֿענונג פֿרײַ זײַן פֿארלאָרן
און די טפּיסע־טעג זײַנען װי יאָרן,
און דאָס פֿענצטער איז הויך און פֿארשמידט,
און אַ װעכטער די טירן באַהיט.

איך װאָלט לאַנג אין דער שטײַג שױן געשטאָרבן,
כ׳זאָל די שכײנע די ליבע ניט האָבן.
אַז מיר זײַנען הײַנט אױף מיט דער זון,
פֿון דער גרינג כ׳האָב אַ װונק איר געטון.

ס׳האָט די טפּיסע באַפֿרײַנדט אונדז צעשײדטע
און באַקאַנט האָט אײן גורל אונדז בײדע,
און פֿאַרהײמישט דער זעלבער פֿאַרלאַנג
און דאָס פֿענצטער מיט אײַזערנעם שטאַנג.

אַז באַם פֿענצטער פֿרימאָרגן איך זעץ זיך,
מײַנע אױגן איך קאָן גאָר ניט זעטן.
גיט איר פֿענצטער אַ קלאַפּ קעגן מיר,
און איר פֿאָרהאַנגל גיט זיך אַ ריר.

נאָר אײן קוק אױף מיר טוט זי די פֿאַלשע
און צום הענטל דאָס קעפּעלע פֿאַלט שױן,
און פֿון אַקסל אַראָפּ, װי פֿון װינט,
פֿליט דאָס טיכל אין פֿאַסן געשװינד.

אָבער בלאס איז די ברוסט די געטאָקטע,
און נאָך לאנג נאָך זי זיצט א פארזאָרגטע,
און זי בענקט דאָ ווי איך אין געפענק,
און ווי איך דאָ נאָך פרײַהײַט זי בענקט.

אָ, גיט טרויער, מײַן שכיינע, מײַן טײַבל,
דו פארוועל נאָר, איז אָזוי דאָס שטײַגל,
און ווי פויגל אין פעלדישער ברייט
וועלן מיר באלד אוועק מיט א פרייד.

גאנווע צו נאָר באם פאָטער די שליסל,
שיקער אָן נאָר די וועכטער פון טפיסע,
און דעם איינעם, וואָס שטייט בא דער טיר,
וועל איך זען אים שוין נעמען אפ מיר.

ווארט נאָר אונטער, די נאכט זאָל זײַן טונקעלער
און וואָס שטארקער דער ווײַן אפ צו טרינקען,
און קעדיי איך זאָל וויסן פאָרויס,
הענג דײַן טיכל אין פענצטער ארויס.

1840

* * *

ס׳טרעפט רייד—זייער מיינ איז
ניט קלאָר צי ניטווערטיק
נאָר רויִק קאָנ קייִנער
ניט הערנ די ווערטער.

א ווילדער באגערנ
ער קלינגט אינ די רייד!
אונ א ציטער אונ טרערנ —
פונ זענ זיכ אונ שיידנ.

אינ וועלטישנ וויכער
וועט גייענ פארלוירנ
דאָס וואָרט, וואָס פונ ליכט
אונ פונ פלאמ איז געבוירנ.

נאָר וווּ כ׳זאָל ניט קערנ
אונ וווּ כ׳זאָל ניט ווענדנ,
זאָל איכ עס דערהערנ,
וואָלט איכ עס דערקענט דאנ.

פונ טפילע פונ מיטנ
אנ ענטפער כ׳וועל געבנ,
פונ שלאכטפעלד מיט ציטער
זיכ ווארפנ אקעגנ.

1840

דער זשורנאליסט, דער לייענער אונ דער שרײַבער

Les poetes ressemblent aux ours, qui se nourissent en suçant leur pątte. I n e d i t[1].

דעמ שרײַבערס צימער; די שטאָרנ אראָפּגעלאָזט. ער זיצט אינ א גרויסנ פּאָטעל פארנ קאמינ. דער לייענער שטייט מיט א ציגאר, דעמ רוקנ צומ קאמינ. דער זשורנאליסט קומט ארײַנ.

ד ע ר   ז ש ו ר נ א ל י ס ט.

צופרידנ כ'בינ, וואָס איר זײַנט קראנק.
אינ לעבנס־זאָרג, אינ וועלטנ־וויכער
פארלירט געשווינד דער גײַסט פונ דיכטער
זײַנ גאָטגעבענטשטנ טרוימענ־גאנג.
צעווישנ אײַנדרוקנ פארשיידענע
צעבײַטנדיק דאָס הארצ אפ מינצ,
ער פאלט פונ מיינונגענ א קאָרבנ.
ווענ קאָנ ער דענ אינ צײַט־פארטרײַב
א ווערק א צײַטיקס גאָר באקלערנ?

---

[1] די פּאָעטנ זײַנענ געגליכנ צו בערנ, וואָס דערנערנ זיכ דורכ זויגנ זייער אייגענע לאפע. נ י ט ־ א ר ו י ס ג ע ג ע ב ע נ ע ר.

דערפאר איז דאָך אַן עמעס גליק,
ווען ס׳שיקט דער אויבערשטער אים צו
א וואנדערוועג, צי א געפענק,
אַפילע גאָר א לאנגע קרענק.
א ליד א לויטערער שאלט אוף
אין איינזאמקייט אין זיינער באלד.
אמאָל פארליבט ער זיך גאָר הייס
אין אויסגעצירטע טרויער זיינעם.
נו, וואָס־זשע שרייבט איר? קאָן מען זיך
דערוויסן?

ש ר יי ב ע ר.

גאָרניט...

ז ש ו ר נ א ל י ס ט.

ס׳איז א שאנד!

ש ר יי ב ע ר.

פון וואָס־זשע שרייבן? מיזרעך, דאָרעם
באזונגען זיינען און באשריבן;
און אלע זידלען דעם האמוין,
און ליבן שטארק די שטילע היים.
זיי אלע שוועבן אין די הימלען
און לעכצן מיט געהיימע ברען
צו הויכער שיינהייט, צו .N. N,
און אלע זיינען לאנג שוין נימעס.

ל יי ע נ ע ר.

און איך זאָג אייך, מ׳דארף זיין א באלן
צו לעזן היינטיקע זשורנאלן,
אפילע אייערן אָט נעמט,

מיר ברעכן שוין פון אים די הענט.
צום אלעם ערשטן—גרויל פּאַפּיר.
מעג זײַן, עס איז גאָר ריין אפּילע,
נאָר פּאָרט, איר שרעקט זיך אויסצושמירן.
און ליינסטע—גרײַזן אָן א שיר,
די לידער—אזוי פּוסט און ליידיק.
אָן זין—די ווערטער, קיין געפיל,
און יעדער וואָס איז אָנגעצויגן,
און גאָר צו זאָגן אײַך בעסאָד:
הינקט אָפּטלעך אונטער אויך דער גראם.
און נעמסטו פּראָזע—איבערזעצונג,
און אויב עס וועלן זיך אײַך טרעפן
דערציילונגען פון אונדזער שניט—
איז אָדער—מאָסקווע לאכט מען אויסעט,
צי אף באמטע פאלט מען אָן.
פון וועמען שרײַבן זיי די בילדער?
ווו הערן זיי אָט די געשפּרעכן?
און אויב זיי הערן זיי שוין יאָ,
איז ווילן מיר זיי גאָרניט הערן.
ווען וועט שוין דאָ אין וויסטן רוסלאנד
געדאנק מיט פאלשן גלאנץ זיך שיידן,
א שפּראך א פּאָשעטערע קריגן
און הויכע שטים פון לײַדנשאפט.

זשורנאליסט.

איך זאָג דאָך אקוראט דאָס זעלבע.
ווי איר מיט רויגעז אָפּן קוק איך
אף אונדזער רוסלענדישער מוזע.
אָט לייענט, כ'בעט אײַך, מײַן קריטיק.

ל ײ ע נ ע ר.

איך האָב געלײענט: טײַנעס קלײנע
צום שריפט, צו גרײַזן, צו װיניעטן,
און װונקען דינע און באװײַזן
אף דעם, װאָס ניט באװוסט איז קײנעם.
נו, זאָל מען קענען כאָטש א לאַב טאָג.
אין אײַער טינט איז, מײַנע הערן,
ניטאָ קײן בײזע גאַל אפילע,
נאָר װאַסער ברודיקע ניט מער.

ז ש ו ר נ א ל י ס ט.

איר זײַט גערעכט, געװיס, אװאדע.
נאָר גלױבט מיר, כ'װאָלט געװען צופרידן,
איך זאָל זיך גאָרניט דארפן זידלען.
נאָר װי־זשע? אז מע זידלט מיך.
פארשטײט, איך בעט אײַך, אונדזער לאגע,
אונדז לײענט דער נידעריקער שיכט.
ניט יעדער אױער װערט באלײדיקט
פון הױלער שארפקײַט פון אן אױסדרוק.
געשמאק, אָנשטענדיקײַט—ס'א טנײַ־זאַך,
און געלט באצאָלן אלע גלײַך דאָך.
אָ, גלױבט, עס האָט אן אָל א שװערן
אף אונדז ארופגעלײגט דאָס מאזל.
איר װײסט, װאָס הײסט אדורכצולײענען
דאָס גאנצע מיסט—די אלע ביכער.—
און צוליב װאָס? קעדײ אײַך זאָגן,
אז ס'איז דאָס גאָרניט װערט צו לײענען.

ל יי ע נ ע ר.

דערפאר איז דאָך אזא פארגעניגנ
אונ ס׳רוט זיך אָפּ דער קאָפּ, דאָס הארצ,
ווענ ס׳טרעפט זיך אײַך שוינ ווענ ניט איז
א ווערק א לעבעדיקס, א לויפּערס.
אָט נעמט, צום בײַשפּיל. כ׳האָב א פרײַנט,
ער האָט א לאָשנ גאָר א פײַנעמ,
אונ גאָט האָט אימ געשענקט דערצו
אויך פיל געדאנקענ אונ געפילנ.

ז ש ו ר נ א ל י ס ט.

אזוי איז דאָס, נאָר צומ פארדראָס,
אזעלכע שרײַבנ ניט קיינ אָס.

ש ר ײַ ב ע ר.

— פונ וואָס־זשע שרײַבט מענ?... ס׳טרעפט א צײַט,
ווענ ס׳פאלט אראָפּ די לאסט פונ זאָרגנ,
ס׳קומט אָנ די צײַט פונ העלער מי,
ווענ פול איז מויעך אונ נעשאָמע,
אונ רײַמענ פרײַנטלעכע ווי וועלנ
מיט רויש זיך טראָגנ איינס נאָך איינס
אינ פרײַער יאָגנדיקער ריי.
אינ דער דערוואכטער קוימ נעשאָמע
גייט אופּ א וווּנדערלעכע ליכט
אונ אפּ די קרעפּטיקע געדאנקענ
ווי פּערל צילענ זיך די ווערטער.
מיט מוט מיט פרײַער קוקט דער דיכטער
אינ צוקונפט אינ דער ווײַטער דעמאָלט.
אונ אָפּגעוואשנ אונ געריינִיקט
דורכ הויכנ טרוימ אימ שײַנט די וועלט.

נאָר אָט די ווערק די מאָדנע זײַנע
ער לייענט אינדערהיים אליינ זיי,
אונ נאָכדעם אָנ שום איבערקלערנ
ער הייצט מיט זיי דעם אויוונ אײַנ.
צי זײַנעו קינדערשע געפילנ
אונ פוסטע ניט־באזינטע היצ—
די שטרענגע קונסט דער ווערט אפילע!
מע וועט זיי אויסלאכנ, פארגעסנ.
עס טרעפנ נעכט זיכ שווערע, ווילדע:
אָנ שלאָפ די אויגנ וויינענ, גליִענ,
א שווערע בענקשאפט פרעסט דאָס הארצ,
מיט ציטער כאפט די קאלטע האנט
ארום דעם קישנ דאנ, דעם הייסנ.
עס שטעלנ זיכ די האָר פאר פאכעד.
א ווייטאָגדיק, א ווילד געשריי
פונ ברוסט זיכ רײַסט דאנ, אונ די צונג
רעדט הויכ אָנ א פארשטאנד ארויס
די לאנג פארגעסענע שוינ נעמענ.
אונ אייגנווילִיק מאָלט זיקאָרנ
די לאנג פארגעסענע שוינ שטריכנ
אינ פריִערדיקנ גלאנצ פונ שיינקײַט:
אינ אויגנ—ליבע, ליפנ פעלשנ,
אונ ווידער גלויבסטו זיי ניטווילִיק,
אונ עס איז פרייד אונ ווײ איינצײַטיק
צורודערנ די אלטע ווונדנ.
דאנ שרײַב איכ. עס דיקטירט—געוויסנ,
דער בייזער מויעכ פירט די פענ.
דאָס זײַנענ רייצנדע געשיכטעס
פונ מײַסים פונ געהיימע, שטילע,
אונ פונ פארבאָרגענע ראיוינעס,

און קאַלטע בילדער פון צעלאָזטקייט,
און מייַסעס נארישע פון יוגנט,
פון טעג, וואָס זייַנען לאנג, אָן נוצן,
פארפאלן אין דעם ווילדןווירבל,
אין שטרייַטן קליינלעכע, נאָר הארטע,
מיט די געגארינס און נאראָנים,
צווישן צווייפלען קלוימערשט שווארצע,
און האָפענונגען קלוימערשט העלע.
א זייַטיקער, געהיימער ריכטער,
איך האַלט קיין פרעמדן סאָד ניט טייַער
און שטעל זי דרייסט ארויס צו שאנדע,
די זינד, די אויסערלעכע געפוצטע.
כ'בין אומראכמאָנעסדיק און הארט.
נאָר כ'לעבן, כ'וועל בא זיך ניט פויעלן
פאר אויגן, פאר ניט אויסגעפרוּווטע,
די בייזע שורעס יענע ווייַזן...
נו, זאָגט-זשע מיר, פון וואָס צו שרייַבן?
צו וואָס אפ זיך דעם האס און בייזער
פון מענטשן אומדאנקבארע ציִען.
זיי זאָלן ווי א זידלערייַ
די רייד די נעווייִשע פארנעמען.
די גיפט פון פייַערדיקע בלעטלעך
זאָל קינדערישע רו צעשטערן
און מיטרייַסן דאָס שוואכע הארץ
אין זייַן צעבונטעוועטן שטראָם.
ביינ! מייַן געדאנק כ'וועל ניט פארבלענדן
מיט קיין פארברעכערישן טרוים,
און פאר א פרייַז אזא מין שווערן
וועל איך ניט קויפן אייַער רום.

24 מארט 1840.

א כאָלעם

מיט בלײַ אינ ברוסט געלעגנ כ׳בינ א בלייכער
אינ היצ פונ מיטנ טאָג אינ דאגעסטאנער טיפ,
עס האָט די טיפע ווונד זיכ נאָכ גערויכערט
אונ ס׳האָט נאָכ טראָפּנווײַז מײַנ בלוט געטריפט.

אפ זאמד פונ טאָל געלעגנ בינ איכ עלנט
אונ ס׳האָבנ פּערזנ ארומ מיר זיכ דאָ געבלויט,
אונ זונ האָט זיי געברענט די שפּיצנ געלע
אונ מיכ געברענט—נאָר כ׳בינ געווענ ווי טויט.

מיר האָט געכאָלעמט זיכ: אינ פײַערלעכע גלאנצנ
אנ אָוונט־מאָלצײַט אינ מײַנ היימאט גייט,
אונ ווענג מיר, אינ בלומענקרענצ באקראנצטע,
עס פירנ יונגע פרויענ א גערייד.

נאָר איינע דאָרט אינ שמועס פונ יונגע פרויענ
קיינ אָנטייל נעמט אונ א פארקלערטע זיצט,
אונ גאָט ווייס, ווענג וואָס זי איז פארטרויערט,
אונ ווי עס שוועבט די נעשאָמע אירע איצט.

אונ ס׳כאָלעמט זיכ איר דאגעסטאנ אונ פעלזנ הויכע,
א קערפּער א באקאנטער טויט דאָרט רוט,
אינ ברוסט זײַנער א שווארצע ווונד זיכ רויכערט
אונ ס׳גיסט זיכ גליווערדיק א שטראָמ פונ בלוט...

1841

דער פעלז

ס'האָט א גאָלדנ וואָלקנדל גענעכטיקט
אפנ שויס פונ ריזנפעלז אנומלט,
אונ פארטאָג זיכ פרי אינ וועג פארנומענ,
אינ די בלויענ שפּילנדיק זיכ פרעכטיק.

נאָר א פייכטער שפור האָט זיכ פארהיט דאָרט
אינ אַ קנייטש פונ אלטנ פעלז, פונ גרויענ,
עלנט שטייט ער, א פארזונקענער אינ טרויער,
אונ ער וויינט א שטילער אינ דער מידבער.

1841

ט א מ א ר ע

װוּ טערעק די פֿינצטערניש בױערט
אין טיפֿנ דאריאלישנ טאָל,
אפ פֿעלז האָט אפ שװארצנ געלױערט
א טורעמ אנ אלטער אמאָל.

אין טורעמ אינ הױכנ אינ ענגנ
האָט מאלקע טאמארע געלעבט.
װי הימלישער מאלעכ—איר שײנקײַט
אונ כיטרע אונ בײז װי א שעד.

דורכ נעפּל פֿונ האלבנאכט האָט דאָרטנ
א פֿלעמל א גאָלדנס געװאכט,
אונ גײערס אינ װעג זיכ געװאָרפֿנ,
גערופֿנ אפ אָפּרו אונ נאכט.

אונ ס'האָט דאָרט טאמאר'ע געזונגענ;
איר שטימ פֿול באגער אונ פֿארלאנג—
האָט מעכטיק מיט צױבער געקלונגענ
אונ מיט א פֿארבאָרגענעמ צװאנג.

אונ סױכער, אונ פּאסטעכ, אונ פּאָרעצ,
געגאנ איז נאָכ רופֿ פֿונ דער שטימ.
א שטרענגער האָט דאָרטנ א סאָריס
געעפֿנט די טירנ פֿאר אימ.

און זי האָט די געסט דאָרט באַגעגנט
אין גאָלד און אין פּערל געקליידט,
געוואָרט האָט אַ פּוכיק געלעגער,
און ווײַן אין צוויי בעכערס פאַרגרייטן.

געפלאָכטן האָבן זיך הענט הייסע
און ליפּ האָט געקלעפּט זיך צו ליפּ.
דורך נאַכט האָבן ווילדע,צעברויזטע
געגאָסן זיך קלאַנגען פון ליד.

ווי הונדערטער יונגען און מיידלעך
דאָרט וואָלטן אין טורעם אָן ליכט
אין טענץ אין די ווילדע געדרייט זיך
און כופּעס־לעווײַעס געריכט.

ווי נאָר אָבער שײַן פון פרימאָרגן
האָט איבער די בערג זיך צעשפּילט,
איז ווידער דאָרט וויסט און פאַרבאָרגן
איז ווידער דאָרט אַלצדינג פאַרשטילט.

נאָר טערעק האָט ווילד זיך געוואָרפן,
געברומט אינעם טאָל פון דאַריאַל.
אַ וואַל נאָך אַ וואַל איז געלאָפן,
אַ וואַל האָט געטריבן אַ וואַל.

זיי האָבן דעם קערפּער געײַלט זיך
פאַרטראָגן מיט יאָמער און קלאָג,
אין פענצטער האָט עפּעס געווײַסט זיך.
אַדיע,—האָט געקלונגען אין טאָג.

און געווען אַזוי צאַרט איז די שיידונג,
אַזוי זיס האָט געקלונגען דאָס קאָל,
באַגלײַך עס וואָלט צוגעזאָגט פריידן
פון זען זיך ווידעראַמאָל.

* *
*

אראָפּ איז א בלעטל א דעמבנס פונ היימישנ צווײַגל,
אונ ס'האָט עס א וויכער א בייזער געטריבנ, אינ סטעפּעס פאר־
קײַקלט,
פארוועלקט אונ פארטריקנט געוואָרנ פונ היצ אונ פונ קעלט
אונ פונ קומער
אונ אָט אונ צולעצט איז צום יאמ צו דעמ שווארצנ געקומענ.

באמ יאמ בא דעמ שווארצנ דאָרט שטייט א טשינארע א דינע;
דערווינט מיט איר רעדט אונ ער גלעט אירע צווײַגנ די גרינע
אפ צווײַגנ אפ גרינע דאָרט וווּנדערשע פויגלענ זיכ הוידענ
אונ וועגנ דער יאמענ־פּרינצעסנ זיכ האלטנ אינ סוידענ.

אונ ס'האָט זיכ צו הויכער טשינארע געטוליעט דאָס בלעטל,
אונ רו אונ באשיצונג מיט הארציקנ צאער געבעטנ.
אונ זאָגט איר אזוי: כ'בינ א בלעטל א דעמבנס, אנ אָרעמס,
אינ היימלאנד אינ בייזנ געוואקסנ, אונ פרי בינ איכ צײַטיק
געוואָרנ.

אליינ אונ אָנ צילנ איכ וואָגל שוינ לאנג איבער וועלטנ.
פארטריקנט, אָנ שאָטנ, אָנ שלאָפ אונ אָנ רו כ'בינ פארוועלקט שוינ
אָ, נעמ־זשע מיכ צו צווישנ בלעטער סמאראגדענע דײַנע,
איכ קאָנ דאָכ דערציילנ דיר מײַסעס גאָר וווּנדערלעכ־פײַנע.

— וואָס גייסטו מיר אָן? — האָט די יונגע טשינארע דערווידערט —
ביסט געל און פארשטויבט און קיין כאווער ביסט ניט מײַנע
קינדער,
געזוען האָסטו פיל, נאָר צו וואָס דײַנע מײַסעס מיר טויגן,
מיר האָבן דערעסן פון לאנג אויך די הימלשע פויגלען.

איז גיי זשע דיר ווײַטער, דו פרעמדער, איך וויל דיך
ניט קענען אינגאנצן.
די זון האָט מיך ליב, צוליב איר נאָר מײַן בלי און מײַן גלאנצן.
אין הימל צעוואָרפן כ'האָב פרײַ מײַנע צווײַגן די שטאָלצע,
און ס'וואשן די כוואליעס די קאלטע פון יאם מײַנע וואָרצלען.

1841

* * *

כ׳גיי ארויס אליין איצט אפ די וועגן,
העלער שליאך אין נעפל ליגט צעשפרייט—
שטיל די נאכט. עס הערכט צו גאָט די געגנט
און די שטערן ריידן שטילערהייט.

אין די הימלען—יאָנטעוודיק און וווּנדער!
ס׳שלאָפט די ערד אין בלויען שײַן-געוועב.
וואָס׳זשע איז מיר שווער אזוי און ווונדיק?
ארט מיך וואָס? צי עפּעס נאָך איך שטרעב?

גאָרניט מער פון לעבן מײַנעם כ׳ווארט דאָ.
און עס טוט פארגאנגענהײַט ניט באנק.
כ׳זוך נאָר רו, נאָך פרײַהײַט נאָר איך גאר דאָ.
כ׳וואָלט אין שלאָף פארגעסן זיך פארלאנגט...

אָבער ניט מיט קייווער-שלאָף געפּלעפּטן...
ס׳וואָלט אזוי אנטשלאָפן זיך געגלוסט,
אז אין ברוסט זאָלן דרעמלען לעבנס-קרעפטן,
אז ס׳זאָל שטיל באוועגן זיך די ברוסט.

טאָג ווי נאכט עס זאָל א זיסע שטימע
וועגן ליבע זינגען מיר געהיים,
איבער מיר זאָל אייביק טונקל-גרינער
בויגן זיך אין רויש א דעמבנבוים...

ד ע ר נ אָ װ י

פֿון זינט דער אױבערשטער האָט מיך
באַשענקט מיט נוויִשן אַלוויטן,
אין מענטשן־בליקן לייען איך
פֿון זינד און אוולעס בלעטער מיִעסע.

און אױפֿגעהױבן כ׳האָב מײַן קאָפּ
פֿאַר ריינער וואָר, פֿאַר ליבע ריינער,
און ס׳האָבן אַלע פֿאַראַמאָל
פֿאַרוואָרפֿן מיך מיט שאַרפֿע שטיינער.

מיט אַש באַשאָטן כ׳האָב מײַן קאָפּ
און בין פֿון שטעט אַוועק פֿאַראָרעמט,
און כ׳לעב דאָ אין דער וויסט. און גאָט
מיט שפּײַז — ווי פֿייגלען מיך באַוואָרנט.

געטרײַ דעם אייביקן באַפֿעל,
די כײַעס מיך געהאָרכזאַם הערן,
און שפּילנדיק מיט שטראַלן העל,
עס האָרכן מיך די הויכע שטערן.

און ווען איך לויף אַדורך געײַלט
דורך שטאָט, דורך רוישנדיקע גאַסן,
צו קינדער ריידן אַלטע לײַט
און זעלבסטפֿאַרליבטע שטעכיק שפּאַסן:

— „אָט לערנט זיך פֿון אים, און זעט,
אַ גרויסהאַלטער, אַוועק פֿון איידע,
אַ נאַר, געמיינט אונדז אײַנצורײדן,
אַז גאָט פֿון זײַנע ליפּן רעדט.

איז קוקט זיך, קינדער, אין אים אײַן.
ווי ער איז בלייך און ווי פֿאַרצאָרנט,
ווי ער איז דאַר און הויל און אָרעם
און ווי אים האָבן אַלע פֿײַנט!"

1841

פּאָעמעס

דאָס געזאנג

ווענג דעם צאר איוואנ וואסיליעוויטש [1]
ווענג דעם יונגנ אָפּריטשניק [2] אונ ווענג
דעם ווילנ סויכער קאלאשניקאָוו.

אוי, א ליב דו דיר, צאר איוואנ וואסיליעוויטש!
ווענג דיר האָבנ מיר דאָס געזאנג געמאכט,
ווענג דײַנ באליבסטנ פונ די אָפּריטשניקעס
אונ ווענג דרייסטנ סויכער, ווענג קאלאשניקאָוו.
דאָס געזאנג געמאכט אפנ אלטנ שניט,
אונ געזונגענ דאָס אונטער צימבל־געקלאנג
אונ מיט רײדעלעכ אונ מיט בײַווערטלעכ.
האָט געקליבנ נאכעס דאָס גלויביקע פאָלק,
דער באָיארינ [3] מאטוויי ראָמאָדאנאָווסקי
האָט שוימיקנ מעד אונדז א קאָס דערלאנגט.
זײַנ באָיארינע די ווײַסגעזיכטיקע
האָט א האנטעכ א נײַעם מיט זײַד באנייט
אונדז דערלאנגט אפ א טאצ, אפ א זילבערנער.
מע האָט מעכאבעד געווענ אונדז דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט,
ס׳האָבנ אלע געהערט, זיכ ניט אָנגעהערט.

---

1 צאר איוואנ וואסיליעוויטש, דער גרויזאמער—א רוסישער קייסער.
2 אָפּריטשניק—א לײַב־היטער, דעם קייסערס.
3 באָיארינ, באָיארינע—הויכע לײַט, דעם קייסערס ראטגעבער.

1

ניט אַ העלע זון אינעם הימל שײַנט,
ניט קײן בלויע װאָלקנס אין זון שפּיגלען זיך:
בײַ דעם מאָלצײַט זיצט אין זײַן גאָלדענער קרוין,
זיצט דער גרױזאַמער צאַר איװאַן װאַסיליעװיטש.
הינטער אים שטײען די סטאָלניקעס [1]
און אַקעגן—באָיאַרן און פירשטן נאָר,
בײַ דער זײַט זײַנער—בלויז אָפּריטשניקעס;
און דעם מאָלצײַט ער ריכט אָפּ צו ליבן גאָט,
זיך אַלײן פאַרגעניגן און װיל צו טאָן.

גיט אַ שמײכל דער צאַר, אַ באַפעל ער גיט
צו צאַפּן אין קװאָרט זײַנער גאָלדענער
פונעם זיסן װײַן פונעם אױסלענדישן
און דערלאַנגען אים די אָפּריטשניקעס.
טרינקען אַלע אױס און מע לױבט דעם צאַר.

און נאָר אײנער פון זײ, פון אָפּריטשניקעס,
דער פאַרשײַטער קריגער, דער װילער יונג,
אין דער גאָלדענער קװאָרט ניט ער נעצט קײן װאָנצ,
לאָזט אַראָפּ צו דער ערד בליקן טונקעלע,
לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אױף דער ברײטער ברוסט
און אַ שװערן געדאַנק אין האַרצ װאַרעמט ער.

האָט פאַרצױגן דער צאַר ברעמען פינצטערע,
און ער צילט אין אים שאַרפע בליקן אָן,
װי אַ שפּאַרבער קוקט פון דער הימל-הײך

[1] סטאָלניק—אַ טיש-באַדינער.

אַף אַ יונגער טויב, אַ גרויספֿליגלשער—
נאָר דער ווילדער יונג הייבט קיינ אויג ניט אויף.
גיט דער צאַר אַ קלאַפּ מיט זײַנ שטאָק אינ דיל,
שלאָגט דעם דעמבנ־דיל אַף אַנ אַכטל דורכ
מיט דעם שטעקנ־שפּיץ, מיט דעם אײַזערנעם,—
נאָר עס גיט זיכ קיינ ריר ניט דער ווילדער יונג.
אונ אַ גרויזאַם וואָרט גיט דער צאַר אַ זאָג,—
האָט דער ווילדער יונג דערמאָלט אויפגעוואַכט.

„היי, מײַנ טרײַער קנעכט, קיריבייעוויטש,
האָסט פאַרטראַכט אַ געדאַנק אַנ אומווירדיקנ?
צי אַף אונדזער רום אונדז מעקאַנע ביסט?
צי געטרײַע דינסט האָט דערעסנ דיר?
ווענ די לעוואָנע גייט אויף, פרייענ שטערנ זיכ,
אונטער הימלענ צו גיינ ווערט זיי ליכטיקער,
אונ אַ וואָסערער זיכ אינ וואָלקנ באַהאַלט,
יענער פאַלט אַראָפּעט גיכ צו דער ערד.
ניט עס פּאַסט דיר גאָר, קיריבייעוויטש,
מיט דער צאַרישער פרייד זיכ צו מיִעסנ;
אַז אַליינ ביסטו דאָכ פונ סקוראַטאָווס [1] שטאַם,
אינ מאַליוטעס הויז אַ דערצויגענער”.

אונ עס ענטפערט אַזוי קיריבייעוויטש,
ביזנ גאַרטל פאַרנייגט פאַרנ גרויזאַמענ:

— האַר דו אונדזערער, איוואַנ וואַסיליעוויטש,
אָ, ניט שטראָף דײַנ קנעכט דעם אומווירדיקנ,
ניט פאַרגיסנ מיט ווײַנ דאָס הייסע האַרצ
אונ דעם שוואַרצנ געדאַנק ניט פאַרשיקערנ!

---

[1] מאַליוטאַ סקוראַטאָוו— דער הויפּט פונ אָפּריטשניקעס, באַרימטער הענקער אונ מערדער—געוואָרנ אַ צונאָמענ פאַר טאַליאָנים מאַכטהאָבער.

כ'האָב דערצאָרנט דיך, — ווײַז דײַן מאַלכעס־קראַפט,
הייס צו טויטן מיך, דעם קאָפּ אָפּהאַקן...
עס באַשווערט דער קאָפּ מײַנע אַקסלען גיבערשע,
און אַליין צו נאָסער ערד ער פאַרבויגט זיך שוין.

זאָגט אַזוי אים דער צאַר איוואַן וואַסיליעוויטש:
— „וועגן וואָס האָסטו, יונג, זיך צו קימערן?
האָט געפּערלטער קאַפּטאַן זיך צעריבן שוין?
האָט דאָס היטל צעקנייטשט זיך, דאָס סויבלענע?
צי דאָס געלט דײַנס האָסטו צעפּאַטערט שוין?
צי געשטאָלטע שווערד האָט פאַרהאַקט זיך שוין?
צי עס הינקט דײַן פערד, שלעכט געקאָוועטער,
צי געוואָרפן צו דר'ערד האָט אין פּויסטן־געפּעכט
אַפן מאָסקווע־טײַך דיך אַ סויכער־זון?"

און עס ענטפערט אַזוי קיריבייעוויטש
מיט אַ שאָקל פון קאָפּ פון געקרײַזלטן:

„ס'איז ניטאָ נאָך די האַנט די באַשווירענע
אין באָיאַרן־שטאַם, ניט אין סאָכרישן,
און מײַן סטעפּ־אַרגאַמאַק [1] גייט אַ פריילעכער,
און ווי אַ גלאָז ברענט מײַן שווערד די געשליפענע.
און אין יאָנטעוו־טאָג, מיט דײַן גנעדיקײַט,
בין ניט ערגער ווי אַנדערע אויסגעפּוצט.

„אַז איך זעץ זיך און רײַט אַף מײַן ווילדן פערד
הינטער מאָסקווע־טײַך אַ שפּאַציר צו טאָן,
אָנגעגורט מיט אַ גאַרטל אַ זײַדענעם,
אַף אַ זײַט פאַרלייגט היטל סאַמעטנס,
וואָס מיט סויבל מיט שוואַרצן אַרומגעברײמט, —

[1] אַרגאַמאַק — אַ פערד פון אַראַבישן שטאַם.

בא די טויערן דאָן, בא די הילצערנע,
שיינע מיידלעך שטייען, יונגע ווייבעלעך,
און באַקוקן מיך, און באַריידן מיך,
בלויז איינע ניט קוקט און ניט שפּיגלט זיך,
מיט אַ דעק־טוך אין פּאַסן פאַרדעקט זי זיך...
אין דער הייליקער רוס, אונדזער מוטערלאַנד,
איז אַ שיינע אַזאַ ניט אויסזוכן.
גיין גייט זי גרינג, ווי אַ שוואַנפויגל,
קוקן קוקט זי זיס, ווי אַ טייבעלע.
גיט אַ רייד אַ וואָרט—זינגט אַ נאַכטיגאַל,
און עס ברענען אירע באַקן די פּורפּורנע,
ווי עס ברענט די זון אינעם הימל־ראַנד.
און די בלאָנדע צעפּ אירע גאָלדיקע,
מיט סטענגעס מיט העלע פאַרפלאָכטענע,
אַף די אַקסלען זיי לויפן, זיי שלענגלען זיך,
מיט דער ברוסט מיט דער ווייסער זיי קושן זיך,
און זי שטאַמט פון אַ הויז פון אַ סאָכרישן,
און מע רופט זי אַליאָנאַ דמיטריעוונאַ.

„— קוים דערזע איך זי, בין איך מער ניט איך;
לאָזן הענט זיך אַראָפּ מיינע קרעפטיקע,
ווערן אויגן פאַרטונקלט די ליכטיקע.
ס'איז מיר אומעטיק, פּראַוואָסלאַווער צאַר,
אַף דער וועלט אַליין זיך צו מאַטערן,
ס'האָבן פעדר מיר די גרינגע דערעסן שוין,
און דערעסן מאַלבושים געהאַפטענע,
און איך דאַרף ניט קיין געלט און סע גייט מיר ניט.
אַז מיט וועמען דאָס געלט וועל איך טיילן איצט?
און פאַר וועמען באַווייזן מיין ווילערישקייט,
מיט מאַלבושים פאַר וועמען זיך אויסשטעלן?

לאָז מיך אָפּ אין די סטעפּעס די וואָלגישע
אַפּ א פרײַען לעבן א קאָזאַקישן.
כ'וועל אוועקלייגן דאָרט מײַן פארשײַטן קאָפּ,
דאָרטן לייגן אַפּ שפּיז בוסורמאַנישן [1]
און צונעמען וועלן זיך בייזע טאָטערן
ווער—דאָס גוטע פערד, ווער—די שארפע שווערד,
ווער—דעם שלאכט-זאָטל דעם טשערקעסישן.
מײַנע אויגן די טרעריקע וועט דער שפּארבער אויספּיקן,
מײַנע ביינער די עלנטע וועט דער רעגן אויסוואשן,
און אָן קווורע וועט מײַן פארלאָזטער געביין
אין אלע פיר זײַטן צעווייען זיך"...

און עס זאָגט לאכנדיק איוואַן וואסיליעוויטש:
„נו, מײַן טרײַער קנעכט! איך בין גרייט אין דײַן בייז,
אין דײַן צאַער בין איך גרייט דיר באהילפיק זײַן.
נא דיר, נעם מײַן רונג די ברילױאַנטענע
און א האלדזבאַנד דו נעם א פּערלנעם.
קריג אפּריער א בעריע א שאדכנטע
און שיק צו די געשוואַנקענע די קאָסטבארע
צו דײַן שיינער אליאָנא דמיטריעווּנא.
און געפעלסטו איר—שפּיל א כאַסענע,
און געפעלסטו ניט—האָב קיין פאַריבל ניט".

— אוי, א ליב צו דיר, צאר איוואַן וואסיליעוויטש!
ס'האָט דײַן פאלשער קנעכט דאָך דיך אָפּגענארט.
ניט געזאָגט דיר דעם עמעס דעם ריכטיקן,
ניט באוויסטיקט דיך, אז דאָס שיינע ווײַב

---

[1] בוסורמאַן—דאָ מיינט עס די טאָטערן.

האָט אין קלויסטער פון לאַנג פאַרקנאַסט זיך שוין,
און פאַרקנאַסט איז זי פאַר אַ סוּיכער־יונג,
און לויט אונדזער געזעץ, לויטן קריסטלעכן.

אוי, טוט, כעוורע, זינגען, זאָלן צימבלען קלינגען.
טרינקט דעם ווייַן דעם זיסן, זאָלסט אַן אייסעק וויסן.
און אַ נאַכעס טוט דעם ווילן באַיאַרין אָן,
און דער באַיאַרינע, זייַן ווייַסגעזיכטיקער.

2

באַ זייַן טיש אין קראָם דער יונגער סוּיכער זיצט,
זיצט דער שלאַנקער יונג סטעפּאַן פּאַראַמאָנאָוויטש—
מיטן בייַנאָמען קאַלאַשניקאָוו.
לייגט פאַנאַנדער די סכוירעס די זייַדענע,
און מיט זיסע רייד בעט די קונדן אַרייַן.
ער ציילט איבער דאָס גאָלד און דאָס זילבערגעלט.
ניט קיין גוטער טאָג האָט זיך אויסגעשטעלט,
רייַכע פּריצים גייען פאַרבייַ דער קלייט,
און אין קלייט צו אים זיי פאַרקוקן ניט.

אָפּגעקלונגען אין קלויסטערס מ׳האָט צו נאַכט־געבעט.
הינטערן קרעמעל ברענט פאַרגאַנג נעפּלדיק.
לויפן וואָלקנדלעך אויפן הימל אָן—
אַ מעטעליצע יאָגט זיי זינגעוודיק.
ווערט ליידיק דער ברייטער קראָמען־קרייַז,
פאַרשליסט דאַן סטעפּאַן פּאַראַמאָנאָוויטש
זייַן קלייט מיט אַ טיר מיט אַ דעמבענער,
מיט אַ פעסטן שלאָס, מיט אַ דייַטשישן.

דעם ביל־הונט דעם בייזן, שארפציינ̇יקן,
אפ א קייט ער פארבינדט, אפ אן איַיזערנער,
און אהיים צו זיך א פארקלערטער גייט,
צו זיַינ̇ יונגנ̇ וויַבל הינטער מאָסקווע־טיַיך.

און ער קומט אהיים אינ זיַינ הויכער שטוב,
און עס וואונדערט זיך סטעפאנ פאראמאָנאָוויטש:—
עס באגעגנט אים ניט זיַינ יונגע פרוי,
וויַיסער טישטעך אפ טיש איז ניט אויסגעשפרייט,
פאר איקאָנעס צאנקט קוים דאָס ליכטעלע.
און ער רופט צו זיך די אלטע דינערנ:
„אוי, דו זאָג מיר נאָר, זאָג, יערעמייעוונא,
ווו פארפאלנ איז, ווו פארטיַיעט זיך
האָט אינ שפעטער שאָ אליאָנא דימיטריעוונא,
און די קינדערלעך מיַינע, וואָס מאכנ זיי,
צי זיך אָנגעלאָפנ און זיך אָנגעשפילט
און פארפרי דערפאר זיך אינ בעט געלייגט?“

— האר דו מיַינער, סטעפאנ פאראמאָנאָוויטש,
כ'וועל דערציילנ דיר גאָר עפעס וואונדערלעכס:
ס'איז צו נאכט־דינסט געגאנגענ אליאָנא דמיטריעוונא,
האָט שוינ דער גאלעך זיך געקערט מיט דער גאלעכטע
און געצונדנ שוינ ליכט, עסנ אָוונט־ברויט,
און ביז איצטער האָט דיַינ באלעבאָסטעלע
פונעם קלויסטערל זיך נאָך ניט אומגעקערט,
און די קינדער דיַינע, די קלייניקע,
ניט געלייגט האָבנ זיך, ניט זיי שפילנ זיך,
וויינענ, יאָמערנ, זיי ניט איַינעמענ.

און פארטראכט זיך שווער א צעטומלטער
האָט דער יונגער סויכער קאלאשניקאָוו.

איז צום פענצטער צו, קוקט אינ גאס ארויס
איז די נאכט אינ גאס א שטאָק פינצטערע,
ווײַסער שניי זיכ שיט, ברייט זיכ שפּרייטנדיק,
אונ די שפּורנ פאַרשיט ער די מענטשישע.

אָט דערהערט ער—אינ הויז גיט די טיר א קלאַפּ.
דערנאָכ הערט ער טריט דאָרטנ האסטיקע.
גיט א קער זיכ, א קוק—גאָט אַלמעכטיקער!
ער דערזעט פאַר זיכ שטיינ זײַנ יונגע פרוי,
שטייט א בלייכע אזא מיט די הוילע האָר,
מיט די בלאָנדע צעפּ מיט צעשויבערטע,
מיט שניי־טוי איבערגעשאָטענע,
אויגנ קוקנ צעמישט, ווי אומזיניקע,
ליפּנ מורמלענ רייד אומפאַרשטענדלעכע,
„— ווו זשע האָסטו, מײַנ ווײַב, זיכ ארומגעשלעפּט?
אינ א הויפ, אפ א פּלאַצ, א וואָסערנ,
וואָס צעשויבערט זײַנענ די האָר בא דיר,
וואָס דאָס קלייד אפ דיר איז צעצופּט־צעפּיקט?
האָסט געטרונקענ שוינ אונ געהוליעט ווו
מיט די זינדלעכ מיט די באָיארישע?
ניט דערופ פאַר איקאָנעס פאַר הייליקע
האָבנ מיר דאַכ, מײַנ ווײַב, זיכ פאַרקנאַסט מיט דיר,
זיכ געביטנ מיט רינגענ מיט גאָלדענע.
אז פאַרשליסנ כ'וועל דיכ אפ אנ אײַזערנעם שלאָס,
אונטער דעמבענער טיר דער געקאָוועטער,
זאָלסט ניט זענ קיינ שײַנ מער קיינ ליכטיקע,
מײַנ ערלעכנ נאָמענ ניט שווארצנ מער".

אונ דערהערט האָט דאָס אַליאָנא דימיטריִעוונא,
איז פאַרציטערט געוואָרנ מײַנ טײַבעלע.

און זי טרייסלט זיך ווי א יאסען־בלעטעלע,
ביטער־ביטער צעוויינט זיך, צעיאָמערט זיך,
ונ דעם מאנ צו די פיס האָט א פאל געטאָן:

„— דו מײַנ האר, מײַנ זונ, דו מײַנ ליכטיקע,
אָדער הארגע מיך, אָדער הער מיך אויס!
דײַנע רייד זײַנענ מיר ווי א מעסער שארפ,
דאָס הארצ מײַנס פונ זיי צעריסנ ווערט.
איך האָב ניט קיינ מוירע פארנ בייזנ טויט,
כ׳האָב קיינ מוירע ניט פאר מענטשנס רייד,
מוירע האָב איך פאר דײַנ אומגנעדיקײַט.

כ׳גיי אהיימ אָקאָרשט פונ דעמ נאכט־געבעט.
דורכ ד׳ער גאס איך גיי איינ־אליינינקע,
און כ׳דערהער, מיר דאכט, ווי עס קריצט דער שניי,
כ׳קוק זיך אומ—איך זע, ווי א מענטש זיך יאָגט,—
האָבנ מײַנע פיסעלעך זיך אונטערגעהאקט,
כ׳האָב מיט דעקטוך פארדעקט זיך מיט זײַדענעמ.
פאר די הענט האָט מיך דער מענטש אָנגעכאפט
און שמייכלענדיק אזוי האָט מיר אײַנגערוימט:
— אָ, ניט שרעק זיך, מײַנ שיינהײַט מײַנ ליכטיקע,
ניט קיינ גאנעוו בינ איך, ניט קיינ וואלד־רויבער,
גאָר א דינער בינ איך בײַ דעם גרויזאמען.
רופנ רופט מענ מיך קיריבייעוויטש
פונ דעמ פײַנעמ הויז, פונ מאליוטעס הויז... —

און נאָך שטארקער ווי פריִער כ׳האָב דערשראָקנ זיך,
ס׳האָט זיך פארדרייט מיר מײַנ אָרעמ קעפעלע.
און געקושט האָט ער מיך און האלדזנ מיך,
און קושנדיק מיך, נעמט ער צוריירנ:
— זאָג מיר, ענטפער מיר, וואָס פארלאנגענ ווערסט,

דו מײַן טײַערע, מײַן ליבהארציקע,
צי פארלאנגסטו גאָלד, אָדער פערל ווילסט,
צי קאָלירטנ שטאָפ, שטיינער איידעלע?
ווי א מאלקע וועל איך דיך אויספוצנ,
אז עס וועלנ דיר אלע מעקאנע זײַנ,
נאָר מיט זינדיקנ טויט לאָז ניט אומקומענ:
שענק דײַנ ליבע מיר, נעם ארומעט מיך,
כאָטש איינ איינציק מאָל באם צעשיידנ זיך!

אונ ער קושט אונ ער האלדזט אונ ער צערטלט מיך.
אפ די באקנ בא מיר ברענענ איצטער נאָך
אונ צעגיסנ זיך ווי א פײַער-בראנד
די קושנ זײַנע די פארשאָלטענע.
אונ געקוקט דורך דער טיר האָבנ שכייניםלעך,
אונ געלאכט אונ מיט פינגער געטײַטלט נאָך.

אז א ריס כ׳האָב געטאָנ זיך פונ הענט זײַנע
אונ געשווינד אהיים כ׳האָב געלאָזנ זיך,
איז געבליבנ אינ הענט בא דעם רויבער דאָרט
מײַנ געקווייטלטער טוך—דײַנ מאטאָנעלע,
אונ מײַנ דעקטוך אויך, דער בוכארישער.
מיך צו שפּאָט געמאכט אונ צו שאנד האָט ער,
מיך, די אָרנטלעכע אונ די זויבערע.
וואָסנ זאָגנ די בייזע שכייניםלעך,
אונ ווי וועל איך פאר לײַטנ באווײַזנ זיך?

גיב ניט איבער מיך, דײַנ געטרײַע ווײַב,
בייזע אָפּשפּעטערס אפ צו אָפּשפּעטנ.
אז אפ וועמענ אכוץ דיר כ׳זאָל פארלאָזנ זיך?
אונ צו וועמענ נאָך הילפ זאָל איך אָנקומענ?

א יעסוימע בין איך אפ דער ווײַסער וועלט,
אז מײַן פאָטער ליגט אין דער נאסער ערד,
לעבן אים דאָרטן ליגט אויך מײַן מוטערל.
און מײַן עלטערער ברודער, ווי באוווסט איז דיר,
אין דער ווײַטער פרעמד איז פארפאלן ווו,
און דער ייִנגערער איז א קינד נאָך גאָר,
איז א קינד א קליינס, וואָס פארשטייט נאָך ניט".

אזוי האָט געזאָגט אליאָנא דמיטריִעוונא
און מיט טרערן מיט הייסע באגאָסן זיך.

און עס שיקט דאן סטעפאן פאראמאָנאָוויטש
נאָך די ברידער די צוויי זײַנע ייִנגערע.
קומען ברידער צו גיין און פארנויגן זיך
און א וואָרט אזא צו אים זאָגן זיי:

„— דו באוויסיק אונדז, ברודער עלטערער,
וואָס געשען איז מיט דיר, וואָס פארלאָפן זיך,
וואָס געשיקט נאָך אונדז האָסט זיך דער פינצטערער נאכט,
אין דער פינצטערער נאכט, אין דער פראָסטיקער".

„— כ'וועל דערציילן אײַך, ברידער הארציקע,
אז א בייז א גרויס האָט געטראָפן מיך.
אונדזער ריינע שטוב האָט צו שאנד געמאכט
דער בייזער צארישער אָפריטשניק קיריבייעוויטש.
ס'וועט די אוולע דאָס הארץ מײַן ניט אויסטראָגן,
ניט פארלײַדן דאָס הארץ וועט דאָס ווילדערישע.
און אז מאָרגן וועט זײַן א פוילסטן־געפעכט
אפן מאָסקווע־טײַך פארן צאר אליין,
אנטקעגן אָפריטשניק ארויסגיין איך וועל
און זיך שלאָגן אפ טויט ביז ס'וועט קלעקן קראפט.

ווער ער בײַקומען מיך — דאַן גייט איר ארויס
פארן עמעס, פארן רעכטן, פארן הייליקן,
ניט דערשרעקט זיך ברידער ליבהארציקע,
איר זײַנט ייִנגער פון מיר, פרישער, קרעפּטיקער,
און נאָך ווייניקער זינד אף אײַך הויערן,
ווער זיך עפשער אף אײַך גאָט דערבארעמען".

און די ברידער צו אים זאָגן־ענטפערן:
„— ווו עס בלאָזט דער ווינט אונטער הימל־הייך,
אהין יאָגן זיך וואָלקנס געהאָרכזאמע;
ווען מיט הויכן קאָל גרויער אָדלער רופט,
אינעם טאָל פון געפעכטן אין בלוטיקן
צו דעם מייסים־געריכט אף א מאָלצײַט רופט,
פליִען־פאָלגן אים די יונגע אָדלערלעך.
אונדזער קאָוועד ביסטו, צווייטער פאָטער אונדז,
טו אליין, ווי דו ווייסט, ווי צו טאָן פארשטייסט,
און מיר וועלן דיך, ברודער, ניט ארויסגעבן".

אוי טוט, כעוורע, זינגען, זאָלן צימבלען קלינגען,
טרינקט דעם ווײַן דעם זיסן, און אן אייסעק וויסן.
און א נאכעס טוט דעם ווילן באָיארין אָן
און דער באָיארינע, דער ווײַסגעזיכטיקער.

3

איבער מאָסקווע שטאָט דער גרויסער, דער גאָלדקעפּיקער,
איבער וואנט דער קרעמעלשער דער ווײַסשטייניקער,
פון די ווײַטע וועלדער, פון די בלויע בערג,
איבער הילצערנע דעכער זיך שפּילנדיק,
וואָלקנס גרײַז־גרויע ווײַט צעטרײַבנדיק,
גייט באַגינען אוף, גייט די מאָרגנרויט.

און זי שפּרייט אירע לאָקן די גאָלדיקע,
וואַשט אַרום זיך מיט שנייען צעשאָטענע,
ווי אַ שיינע פֿרוי אין אַ שפּיגעלע,
קוקט אין הימל אין קלאָרן און שמייכלט זיך.
אוי, צו וואָס האָסטו, מאָרגנרויט, אופֿגעוואַכט?
און פֿון וואָס פֿאַר אַ פֿרייד זיך צעשפּילט האָסטו?

אַז צונויפֿגעקומען, זיך צונויפֿגעגאַנגען
זײַנען פֿעכטער געשיקטע די מאָסקווער
אויפֿן מאָסקווע טײַך, און אויף פֿויסטן־געפֿעכט
לעקאָוועד יאָנטעוו אַ שפּיל טאָן, אַ הוליע טאָן,
איז געקומען דער צאַר מיט די לײַב־היטער,
מיט באָיאַרן און מיט אָפּריטשניקעס.

און אַ זילבערנע קייט הייסט ער אויסציִען,
די רינגען מיט גינגאָלד צונויפֿגעשמידט,
פֿינף־און־צוואַנציק קלאַפֿטער אַ פּלאַץ געצאַמט,
פֿאַר אַ פֿרײַען געפֿעכט, פֿאַר אַ צווייענקאַמף.
און באַפֿוילן האָט דער צאַר איוואַן וואַסיליעוויטש,
מיט אַ קלינגענדיק קאָל אַ רוף אויסרופֿן:

— אוי, ווו זײַנט איר, די יונגע די ווילערישע?
אונדזער פֿאָטער, דעם צאַר טוט אַ נאַכעס אָן,
קומט אַרויס אַהער אין דער ברייטער ראָד.
ווער ס'וועט בײַקומען — דעם באַלוינט דער צאַר,
און ווער ס'וועט פֿאַלן — יענעם וועט גאָט מוחל זײַן.

גייט אַרויס דער געשיקטער קירבייעוויטש,
שטיל דעם צאַר ביזן גאַרטל פֿאַרנויגט ער זיך.
וואַרפֿט פֿון גיבערשע אַקסלען פֿוטער סאַמעטענעם,
מיט דער רעכטער האַנט שפּאַרט ער אונטער זיך,
מיט דער צווייטער פֿאַריכט ס'רויטע היטעלע.

און אזוי דערוואַרט ער א קעגנער זיך.
הויכער רוף איז דרײַ מאָל געררופן שוין,
נאָר עס רירט זיך נאָך ניט קיין איינציקער,
נאָר מע שטייט — איינער שטופּט בלויז דעם אַנדערן.

ברייט אין ראָד גייט אַרום קיריבייעוויטש.
פון די שוואַכע פּעכטער לאַכט ער אויסעט זיך:

— „אהא, זיך פאַרקלערט און דערשראָקן זיך!
נו, זאָל זײַן. און לעקאָװעד דעם יאָנטעוו־טאָג
זאָג איך צו און כ'וועל אָפּלאָזן לעבעדיק,
נאָר א נאַכעס טאָג אונדזער צאַר־פּאָטערל".

דאָ צערוקט זיך האַמוין, און א וואַרע מאַכט —
עס באַווײַזט זיך סטעפּאַן פּאַראַמאָנאָוויטש,
דער געשיקטער סוחער, דער ווילדער יונג,
וואָס מע רופט אים באַם נאָמען קאַלאַשניקאָוו.
פאַרגוייגט זיך צוערשט פאַרן גרויזאַמען,
און דערנאָך פאַרן ווײַסן קרעמל מיט די קלויסטערס דאָרט,
און צולעצט — גאָר פאַרן פאָלק פאַר דעם רוסישן.
ס'ברענען אויגן בא אים ווי די אָדלערשע,
אין אָפּריטשניק זיי קוקן אײַן זיך שאַרף.
גלײַך אַנטקעגן אים שטעלט ער אַנידער זיך,
ציט אָן צום געפעכט זײַנע הענטשעקעס,
גלײַכט אויס זײַנע אַקסלען די קרעפּטיקע,
און ער גלעט זיך די באָרד די געקרײַזלטע.

און עס זאָגט צו אים קיריבייעוויטש:

— „איז באַוויסיק מיך איצטער, ווילדער יונג,
פון שטאַם, און פון שיווערט אַוועלכן ביסט,

וויאַזוי מע רופֿט באַ דעם נאָמען דיך,
מע זאָל וויסן שוין ווען צו מאַזקיר זײַן,
עס זאָל זײַן מיט חאָס צו באַרימען זיך".

און עס ענטפֿערט סטעפּאַן פֿאַראַמאָנאָוויטש:
„—רופֿן רופֿט מען מיך סטעפּאַן קאַלאַשניקאָוו,
פֿון א פֿאָטער איך שטאַם פֿון אַן ערלעכן.
און געלעבט כ'האָב, ווי גאָט האָט געבאָטן אונדז,
ניט געשענדעט האָב איך קיין פֿרעמדע ווײַב,
ניט געגאַזלט אין נאַכט אין א פֿינצטערער,
פֿאַר דער הימלשײַן ניט פֿאַרבאָרגן זיך.
און געזאָגט אָקאָרשט רעכטן עמעס האָסט,
אַז שוין איינעם פֿון אונדז וועט מען מאַזקיר זײַן,
און ניט שפּעטער ווי מאָרגן, אום האַלבן טאָג,
און עס וועט פֿון אונדז איינער באַרימען זיך,
מיט די פֿרײַנט זײַנע ווילע פֿאַרברענגענדיק.
ניט אַפֿ לײַטיש געלעכטער, ניט צו שפּאַסן קיין שפּאַס,
כ'בין אַרויס צו דיר בוסורמאַנען־זון,
נאָר צום בייזן געפֿעכט, צו דעם לעצטן געפֿעכט".

אַז דערהערט האָט דאָס קיריבייעוויטש,
איז ער געוואָרן ווײַס, ווי דער שניי אין האַרבסט,
פֿלינקע אויגן זײַנע פֿאַרטונקלען זיך,
צווישן שטאַרקע אַקסלען גייט א פֿראָסט אַדורך,
ווערט דאָס וואָרט פֿאַרשטאַרט אין מויל אָפֿענעם.

אָט צעגייען זיך ביידע שטילשווײַגנדיק,
דער געפֿעכט הייבט זיך אָנעט דער גיבערשער.

אַז עס האָט זיך צעוויגט קיריבייעוויטש,
קלאַפּט דער ערשטער דעם סויכער קאַלאַשניקאָוו,

און ער גיט אים א קלאַפּ אין דער מיטן ברוסט,
אַז די יונגע ברוסט האָט א קראַך געטאָן.
גיט א וואַקל זיך סטעפּאַן פּאַראַמאָנאָוויטש.
אַף זײַן ברייטער ברוסט הענגט א קופּער־קרייץ
מיט די הייליקע קנאָכנס די קיִעווער,
צעבויגט זיך דער קרייץ, זיך אין ברוסט פאַרקוועטשט,
און ווי טוי הינטער אים האָט זיך בלוט צעטריפט.

גיט א קלער זיך סטעפּאַן פּאַראַמאָנאָוויטש:

— וואָס באַשערט איז מיר, דאָס וועט זײַן באַוואָרט,
פאַרן עמעס וועל איך שטיין ביזן סאַמע לעצט.
און געקליגט האָט ער זיך און זיך צוגעגרייט,
און צונויפגענומען די גאַנצע קראַפט,
און געגעבן א קלאַפּ זײַן פאַרהאַסטן פּײַנט
גלײַך אין לינקן שלייף, מיט א שטאַרקן פויסט.
און דער יונגער אָפּריטשניק האָט א קרעכץ געטאָן גרינג,
זיך א שאָקל געטאָן און געפאַלן טויט,
און א פאַל געטאָן אַפן קאַלטן שניי,
אַפן קאַלטן שניי, ווי א טענענבוים,
ווי א טענענבוים אינעם נאַסן וואַלד,
אין פּעכיקן וואָרצל אונטערגעהאַקט.
אַז דערזען האָט דאָס צאַר איוואַן וואַסיליעוויטש,
האָט צעבייזערט זיך בייז און א טופּע געטאָן,
און די שוואַרצע ברעמען פאַרצויגן האָט,
דעם געשיקטן סויכער צו כאַפּן באַפעלט,
און פאַר אים פאַר געזיכט זײַנס צו ברענגען אים.
אַז עס הייבט אוף זײַן שטים דער פּראַוואָסלאַווער צאַר:

— „זאָג מיר וואָרהאַפטיק, זאָג מיר געוויסנהאַפט,
מיטן פרײַען פאַרלאַנג, אָדער אומוויליק

האָסט אָפּ טויט געמויט מײַנ געטרײַענ דינער־קנעכט,
מײַנ בעסטנ פעכטער, קיריבייעוויטשנ״.

— „איכ וועל זאָגנ דיר, פּראוואָסלאווער צאר,
אז דערהארגעט אימ האָב איכ פרײַוויליק,
אונ פארוואָס פארוועג כ׳וועל ניט מעלדנ דיר,
אונ נאָר גאָט אליינ וועל איכ אויסזאָגנ.
הייס צו שטראָפנ מיכ, אפּ דער קעפּונגס־ברעט
הייס מײַנ שולדיקנ קאָפּ מיר אוועקטראָגנ,
ניט פארלאָז נאָר די קליינע קינדערלעכ,
ניט פארלאָז די יונגע אלמאָנע נאָר
אונ די ברידער צוויי מיט דײַנ הויכער גנאָד״.

— „גוט אונ וויל איז דיר, דו כעוורעמאנ,
ווילער פעכטער־יונג, זונ דו סאָכרישער,
וואָס געענטפערט מיר האָסטו געוויסנהאפט.
אונ דײַנ יונגע פרוי, די יעסוימעלעכ
פונ מײַנ קאסטנ מיט געלט כ׳וועל באשענקענ זיי,
דײַנע ברידער כ׳וועל לאָזנ פונ הײַנט צו טאָג
איבער רוסישנ ברייטנ קעניגרײַכ
צו האנדלענ אָנ צינז אונ אָנ שטײַערנ.
דו אליינ נאָר גיי, דו כעוורעמאנ,
אפנ הויכנ אָרט, אפנ קעפּונגס־אָרט,
אונ לייג אוועק דאָס פארשײַטע קעפּעלע.
איכ וועל הייסנ די האקשארפנ־אָנשלייפנ גוט,
אונ דעמ הענקער כ׳וועל הייסנ אָנטאָנ־אויספּוצנ שיינ,
אינ דעמ גרויסנ גלאָק הייסנ גלעקערנ.
ס׳זאָלנ ויסנ זײַנ לײַט אלע מאָסקווער,
אז אויכ דיכ פונ מײַנ גנאָד ניט פארטיילט האָב איכ״.

אז דאָס פאָלק אפן פלאַץ טוט זיך אופזאמלען,
און עס הײַלט דאָרט דער גלאָק, הודעט טרויעריק,
און א בייזע בסורע טוט ער מעלדעווען.
אפן הויכן אָרט, אפן קעפּונגס אָרט
אין א העמד אין א רויטס מיט א העלן קנאָפּ,
מיט א גרויסער האק א געשליפענער,
די הוילע הענט זײַנע רײַבנדיק,
גייט דער הענקער אום, גייט א פרייליכער,
און וואָרט—זיך דערוואַרט אפן ווילן יונג.

און דער סוחער-יונג, אין געפּעכט געשיקט,
מיט די ברידער מיט זײַנע געזעגנט זיך.

„— אוי, איר ברידערלעך, פרײַנט מײַנע בלוטיקע,
קומט צעקושן זיך, זיך ארומנעמען,
אפ צום לעצטן מאָל, צום געזעגענען,
לאָזט דאָרט גריסן פון מיר אליאָנא דמיטרעוונא,
זאָגט איר אָן, זי זאָל ווינציקער טרויערן,
ניט דערציילן פון מיר מײַנע קינדערלעך.
לאָזט אויך גריסן גאָר אונדזער הויזגעזיד,
גריסט אונדזערע אלע כאווירימלעך.
און אליינע טוט טפילע אין קלויסטערל
פאר דער נעשאָמע פאר מײַנער דער זינדיקער“.

און געטויט מ׳האָט סטעפּאַן קאַלאַשניקאָוון
מיט א בייזן טויט, מיט א שענדלעכן
און אין בלוט האָט דער קאָפּ זײַן אומגליקלעכער
אפ דער קעפּונגס-ברעט פארקויקלט זיך.

און באגראָבן מ׳האָט אים הינטער מאָסקווע-טײַך
אינעם פרײַען פעלד צווישן וועגן דרײַ:
צווישן טולער, ריאזאנער, וולאדימירער.

און א הויפנ נאסע ערד האָט מענ אָנגעשיט,
און א קליאָנאָוונ ציילעמ אוועקגעשטעלט.
און פארשייטע ווינטנ שפאצירנ דאָרט,
און זיי רוישנ אפ קייווער פארלאָזענעמ.
און עס גייענ גוטע לייט בא דעמ קייווער דורכ:
גייט אנ אלטער מאנ—ציילעמט ער איבער זיכ,
גייט א יונגער דורכ—גיט א גלייכ זיכ שטאָלצ,
גייט א מיידל דורכ—ווערט זי טרויעריק,
גייענ שפילער אדורכ—א ליד זינגענ זיי.

1837.

דער אנטלאָפענער

(א בארג־לעגענדע).

גארונ איז ווי א הירש אנטרונענ
אונ גיכער פונ א האָז אוועק
פונ הארטנ גרויזאמענ געשלעג,
ווו בלוט טשערקעס׳ש האָט גערונענ.

ס׳איז פאר דער פרייהייט דאָרט זיינ פאָטער
אונ ברידער צוויי געפאלנ טויט,
אונ אונטער סוינעס פוס צעטראָטנ,
די קעפ זיך וואלגערנ אינ קויט.
עס רינט דאָס בלוט, נעקאָמע פאָדערט,
נאָר ס׳ווייסט גארונ קיינ שאנד, קיינ כויוו,
פארלוירנ אפנ שלאכט־פעלד האָט ער
די שווערד, די ביקס זיינע אונ—לויפט.

ס׳פארגייט דער טאָג אינ נעפל־קנוילנ,
זיי האָבנ באלד די טונקלע הוילנ
מיט דעקנ ווייסע ברייט פארהאנגענ.
עס ציט פונ מיזרעך קילער אָוונט,
אונ איבער וויסטעניש פונ נאָווי
לעוואָנע־גאָלד איז אופגעגאנגענ.

פון לויפן מיד און מאט פון דאָרשט,
מיט שווייס און בלוט באדעקט דאָס פּאָנעם,
האָט זײַן אאול גארונ אָקאָרשט
דערקאָנט באַמ שײַן פון דער לעוואָנע.
און ער איז צו, אים זעט ניט קיינער.
ארום איז רויק, שטיל די נאכט.
געקומען איז גארונ אליין נאָר,
נאָר איינער לעבעדיק פון שלאכט.

ער אײַלט צו סאקליע דער באקענטער.
מ'איז דאָרטן דאָ, א פלעמל ברענט דאָרט.
האָט ער מיט מוט זיך אָנגענומען
און איז אין שטוב ארײַנגעקומען.
געווען אמאָל זײַן פרײַנט סעלים,
נאָר ניט דערקענט האָט יענער אים.
אפ בעט אפ קראנקן אויסגעצויגן
ער ווארט אפ טויט מיט שטארע אויגן.
— אָ, גרויסער גאָט, פון טויט פון בייזן
האָט די מאלאָכים גאָט געהייסן
דיך היטן צוליב רום, גארונ!
נו, וואָס?—האָט ער א פרעג געטון,
מיט מי די אויגן עפענענדיק,
און האָפנונג האָט בא אים אין בליק
א שײַן געטון, און קעמפער־בלוט האָט
זיך פארן טויט אין אים צעוועטעט.

— געדויערט האָט די שלאכט צוויי טעג,
געפאלן זײַנען אין געשלעג
דער פאָטער און די ברידער. איינער
נאָר איך אוועק בין אין דער וויסטע.
די דערנער און די שארפע שטיינער

צעביסן האָבן מײַנע פּיס דאָרט.
איך בין געגאַנגען מיט וואָלפֿן־טריט,
מיט וועגן, וואָס איך ווייס זיי ניט.
טשערקעסן פֿאַלן, ס'זיגט דער פֿײַנט,
נעם מיך צו זיך צו, אַלטער פֿרײַנט,
און כ'שווער דיר, און ס'איז גאָט אַן איידעס,
כ'וועל פֿאַרגעדענקען ביזן טויט דאָס.

און ס'האָט געענטפֿערט אים דער גויסעס:

—„אַוועק, פֿון שטוב מײַנער אַרויסעט,
עס איז בײַ מיר קיין שוץ, קיין דאַך דאָ
ניטאָ פֿאַר אַ געמיינעם פּאַכדן!"
און פֿול געהיימע פּײַן און שאַנד
דעם פֿאָרוווּרף אויסגעהערט אַן בייזן,
האָט שטיל גאַרון אַוועקגעשפּאַנט
פֿון שוועל פֿון פֿרײַנטלעכער פֿאַרשטויסן.
אַ סאַקליעס צוויי האָט ער געמיטן
און האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרציטערט.
אַ יונגער טרוים פֿון טעג פֿון אַלטע
באַהויכט זײַן שטערבן האָט זײַן קאַלטן
מיט גלי פֿון קיש, און טייקעף איז
אין האַרץ געוואָרן העל און זיס.
און אין דער פֿינצטער פֿון דער נאַכט
עס האָבן פֿײַער־אויגן, דאַכט,
פֿאַר אים אַ מילדן שײַן געטון.
אַ טראַכט געגעבן האָט גאַרון:
זי האָט מיך ליב, איך בין איר לעבן.
ער וויל אַרײַנגיין,—פּלוצים הערט ער—
אַן אַלטער ניגון נעמט זיך וועבן,
און בלאַסער פֿון לעוואַנע ווערט ער.

„שווימט רויִק די צאַרטע
לעוואָנע באַנאַכט,
דער יונג גייט אין האַרטן
אין בלוטיקן שלאַכט.
דער דזשיגיט לייגט אין ביקס אַ פּאַטראָן,
און אַזוי זאָגט דאָס מיידל אים אָן:
„מײַן ליבער, זײַ דרייסטער,
אַף גליק זאָלסטו האָפן.
קיין טפּילע פאַרשלאָפן,
געטרײַ זײַ דעם נאָווי,
דעם רום, דער געטרײַסטער.
און דער, וואָס וועט שוינען
דעם סוינע אין שלאַכטן,
פאַרעטער אַזוינער
וועט שטאַרבן אָן אַכטונג.
ניט וואַשן זײַן וווּנד וועט קיין טראָפּן.
קיין כּײַע ט'זײַן גוף ניט פאַרגראָבן.
אין בערג ניט פאַרליידן
וועט קיינער די שאַנד,
דעם פּאַכז'ן וועט טרײַבן
די שיינהייט פון לאַנד!"

מיט שנעלע טריט, דעם קאָפּ געבויגן,
זײַן וועג גאַרון האָט פאָרגעזעצט.
אַ הייסע טרער איז פון די אויגן
געפאַלן און זײַן ברוסט גענעצט.
און אָט זײַן שטיבל ער דערזעט,
אַן אָנגעבויגנס פון געוויטער.
און אויפגעמונטערט ווערט ער ווידער
און קלאַפּט אין פענצטער שטילערהייט.
אָ, דאָרטן הייסע טפּילעס גיין

צום הימל גלײַך פאר אים מירטאמע,
עס װאַרט אפ אים די אלטע מאַמע.
נאָר װאַרט דאָך ניט אפ אים אַלײן.
— „אָ, מאמע, מאמע עפן גיך,
איך בין גארונ, כ'בין דײַן מיזיניק,
פון קוילן רוסישע איצט בין איך
צו דיר געקומען״ — ״דו נאָר״? — „איך!״
„— דו ברידער — װוּ? דער פאָטער? — „אלע
זײַנען אין בײזן שלאכט געפאלן,
געראטעװעט כ'האָב זיך אַלײן״.
„— האָסטו זיך נויקעם געװען״? — נײן.
נאָר איך בין װי א פײַל אנטלאָפן,
אין פרעמדן לאנד געלאָזט מײַן װאָפן
און בין געקומען איצט אהער
דיך טרייסטן, אָפּװישן דײַן טרער״.
„— גיאור, דו מיִעסער, שװײַג, אנטשטום,
האָסט שטארבן ניט געקאָנט מיט רום,
איז גיי דיר, גיי װוהין דו װילסט,
מער ביסטו מיר קײן זון ניט איצט,
די יאָרן מײַנע דו פארמיעסט מיר,
א שקלאַף ביסטו, א פאכדן ביסטו״!
אנטשטילט געװאָרן װאָרט פון צאָרן,
איז װידער שטיל ארום געװאָרן.
נאָר ס'האָט באם פענצטער נאָך ביז שפּעט
געהערט זיך פלוכן, זיפצן, געבעט.
און ס'האָט דאָס שארפע מעסער נאָר
צו בייזער שאנד געמאכט אן ענד.
דערזען האָט מוטער דאָס קאיאָר
און האָט איר בליק אװעק געװענדט.
און קײנער האָט זיך ניט גענומען

אינ פעלד אװעקגעטראָגנ די טימע
אונ ס'האָט מיט בילעניש א הונט
געלעקט דאָט בלוט פונ טיפער װונד
אונ קינדער האָבנ שפאס געטריבנ
איבער דעם גוף פונ יונגנ מאנ...
אינ פרײַהײַט־מײַסעס איז פונ דאנ
אָט די געשיכטע שוינ פארבליבנ.
אונ זײַנ נעשאָמע איז דערשראָקנ
פונ נאָװיס בליקנ אָפּגעטראָטנ,
אונ צװישנ מיזורעכ־בערג זײַנ שאָטנ
מע זעט דאָרט אלע נאכט זיכ יאָגנ,
אונ צו דער סאקליע אונ פארטאָגנ
ער קומט זיכ בעטנ, נאָר דערהערט ער
פונ הײליקנ קאָראנ צװײ װערטער,
אנטלױפט ער װידער אינ דער נאכט,
װי ער ז'אנטלאָפנ פונ דער שלאכט.

1839

מצירי [1]

פארזוכנ, כ'האָב פארזוכט א ביסל האָניק...
איכ בינ גרייט צו שטארבנ (מעלאָכים א).

I

געוועג אמאָל א קלויסטער־הויפ,
איז דאָרט, ווו ס'גיסנ זיכ צונויפ
אונ לויפנ מיט א פרייד־געשריי
אראגווא אונ קורא אזוי,
ווי שוועסטער ליבלעכע ווי צוויי,
אונ טרעפט נאָכ עמעצנ דאָרט גיינ
אצינד, קענ ער די כורוועס זעג,
געבליבנ סלופעס, טורעמ־ווענט,
דער הויכער קלויסטערשער געוועלב.
נאָר ס'טראָגט זיכ דאָרט שוינ ניט אינ הויכ
פונ בסאָמימ שמעקנדיק דער רויכ.
אונ ס'הערט זיכ דאָרט שוינ ניט פונ לאנג
קיינ גאָט־געבעט, קיינ לויב־געזאנג.
אנ אלטער ווערטער שלעפט זיכ אומ,
א כורווע צווישנ כורוועס שטומ,
פארזעג פונ מענטשנ אונ פונ טויט,

[1] מצירי — הייסט אפ גרוזיניש א „ניט־דינענדיקער מאָנאך".

ווישט ער דעמ שטויב דאָרט שטילערהייט
פונ שטיינער, ווו פארשריבנ שטייט
דער רומ פונ אָווער—אונ דערפונ,
ווי, מאט פונ קרוינ אונ קעניגטומ,
זײַנ ווונטש א קייסער האָט געפאָלגט
אונ טרעט פאר רוסלאנד אָפ זײַנ פאָלק.

אונ ס'האָט פונ דעמלט זײַנ גענאָד
צו גרוזיע באוויזנ גאָט,
פונ יענער צײַט האָט זי געבליט,
קיינ שרעק פאר סאָנימ ווייסט זי ניט,
דורכ שפּיזנ פרײַנטלעכע באהיט.

2

עס איז א רוס א גענעראל
געקומענ קיינ טיפליס אמאָל.
מיט זיכ האָט ער א קינד געבראכט,
אינ בערג געפאנגענ. אָפגעשוואכט
איז עס געוואָרנ אונטערוועגס.
ס'איז אלט געוועזנ א יאָר זעקס,
ווילד, שרעקיק, ווי פונ בערג א ציג,
ווי א טשערעט שוואכ, בויגעוודיק.
נאָר ס'האָט די קרענק אינ אימ אנטפלעקט
דעמ שטאָלצנ גײַסט, וואָס האָט געשטעקט
אינ זײַנע טאטעס. שטיל אָנ קרעכצ
האָט ער געמאטערט זיכ. קיינ לעכצ
ער לאָזט פונ ליפּנ ניט ארויס,
פונ זיכ דאָס עסנ ער פארשטויסט,
אונ שטאָלצ אונ שווײַגיק גייט ער אויס.

האָט א מאָנאַך אַף זײַנע הענט
גענומען אים, און צווישן ווענט
אַרום דעם קינד געגאַנגען — ביז
ער האָט געשטעלט אים אַף די פֿיס.
נאָר אויסער יעדער קינדער־פֿרייד,
האָט ער פֿון יעדן זיך געשיידט,
געבלאָנקעט שטיל, פֿון אַלע ווײַט,
און אַלץ געקוקט צו מיזרעך־זײַט,
און האָט געבענקט שטיל און געהיים
אַהינצו, ווו עס ליגט זײַן היים.
דערנאָך האָט ער זיך צוגעוווינט,
די פֿרעמדע שפּראַך פֿאַרשטאַנען שוין,
געלאָזט צו טױפֿן זיך, און סטאַם,
ניט ווּיסנדיק קיין לעבנס־טאַם,
האָט ער געזאָלט שוין יונגערהייט
זיך אָנטאָן א מאָנאַכן־קלייד.
און פּלוצים אין א נאַכט פֿון האַרבסט
איז ער אַוועק. א וואַלד האָט שוואַרץ
צעוואָרפֿן זיך אַרום אַף באַרג.
דרײַ טעג דאָס זוכן האָט געוועהרט
אומזיסט. צולעצט אין סטעפּ, אַף דר׳ערד
האָט מען געפֿונען אים פֿאַרשמאַכט
און אים אין קירך צוריק געבראַכט.
ער איז געווען בלייך, דאַר און שוואַך,
גלײַך ווי געהאָרעוועט אַסאַך,
צי הונגעריק געווען, צי קראַנק,
ער לאָזט פֿון מויל אַרויס קיין קלאַנג
און וועלקט מיט יעדן טאָג און צאַנקט.
און באַלד איז ער בא אַלע לעצט.
האָט א מאָנאַך זיך צוגעזעצט

צו אים, געפּאָרשט און אופגעקלערט,
דער קראנקער האָט אים שטאָלץ געהערט,
זיך אופגעהויבן אפן בעט
און לאנג האָט ער אזוי גערעדט:

3

„דו ביסט געקומען איצט צו מיר
מײַן ווידע הערן, דאנק איך דיר.
עס ווערט בעמעס גרינג אזוי,
אז מע דערציילט פון הארץ דעם ווײ.
איך האָב קיין מענטש געטאָן קיין בייז,
דעריבער האָט קיין ווערט ניט, ווייס,
דאָס אלץ, וואָס איך דערציילן וועל.
און קאָן מען אויסריידן א זעל?
געלעבט כ׳האָב ווייניק, אפּ א קײט.
אזעלכע לעבנס צוויי—מיט פרייד
וואָלט איך פארביטן ווען מע קען
אפ איינעם, פול מיט אומרו, ברען.
ס׳האָט איין געדאנק מיט גרויסער קראפט,
איין ברענענדיקע לײַדנשאפט
מיך נאָגן גאָרניט אופגעהערט,
און ווי א וואָרעם מיך פארצערט.
זי האָט מײַן טרוים אוועקגעקערט
פון ענגע ווענט צו פרײַער ווײַט,
צו וואונדער־וועלט פון אומרו, שטרײַט,
וווּ וואָלקנס הילן פעלזן אײַן,
וווּ מענטשן זײַנען אָדלער־פרײַ.
איך האָב די לײַדנשאפט גענערט
מיט בענקעניש אין שטילע נעכט,
און פארן הימל און פאר ערד

מײַנ װידע איצטער א פארנעמ,
נאָר כ'בעט ניט מוחל זײַנ פאר דעמ.

4

„מ'האָט, אלטער, ניט אײנמאָל גערעדט,
אז דו האָסט מיך פונ טויט גערעט.
צו װאָס?.. כ'בינ עלנט, שװאך אונ מאט,
פונ בוימ אנ אָפּגעפליקטער בלאט,
געװאָקסנ אונטער טויבנ דאך
א קינד, פארמישפּעט זײַנ מאָנאך.
כ'האָב טאטע-מאמע ניט געקענט
דאָ קײנעמ רופנ צװישנ װענט.
דו האָסט פונ דײַנ זײַט גאָר געװאָלט,
איך זאָל די נעמענ, װאָס כ'האָב האָלט,
פארגעסנ, נאָר אומזיסטע מי,—
דער קלאנג געבוירנ איז מיט מיר.
איך האָב געזענ, װי יעדער האָט
א היימ, אונ פרײַנט, אונ קרוױוימ גלאט,
בא מיר איז קײנער ניט געװענ,
אפילע קײנ מאצײווע-שטײנ.
אונ דאנ—איך האָב שוינ ניט געװײנט,
כ'האָב נאָר געשװוירנ זיך אלײנ,
כאָטש אפ א רעגעלע מײַנ ברוסט,
װאָס ברענט מיט אימפּעט אונ מיט גלוסט,
א דריק טאָנ צו א צװײטער װענ,
װאָס אײגנ איז, כאָטש אומבאקענט.
נאָר װײ, פארװעלקט איז יענער טרוימ,
צומ רעכטנ בלי דערגאנגענע קוימ,
אונ װי געלעבט כ'האָב אינ דער פרעמד
כ'װעל שטארבנ יאָסעמדיק-פארקלעמט.

5

„איך האָב קיין מוירע פאַרן טויט,
מ'ע זאָגט, אין קייווער רוט די לייד
אין אייביק קאַלטער שווייַגעניש.
נאָר ס'לעבן ווארפן גלוסט זיך נישט.
כ'בין יונג, כ'בין יונג. האָסט ווען געווּסט
די יוגנט־טרוימען און די לוסט,
האָסט ניט געווּסט, פאַרגעסן גלאַט,
ווי דו האָסט ליב און פייַנט געהאַט,
ווי האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט דערפון.
וואָס דו האָסט פעלד געזען און זון
פון הויכן טורעם בא דער זייַט,
און ווי עס פליעגט פון צייַט צו צייַט
אין טיפן שפּאַלט, וואָס אין דער וואַנט,
א קינד פון אומבאַוווּסטן לאַנד
זייַן ווי א יונגע טויב פאַרשטעקט,
וואָס פאַר א שטורעם זיך דערשרעקט.
מעג זייַן, די וועלט איז איצטער־אָ
שוין נימעס דיר, ביסט שוואַך און גראָ,
און אַלט ביסטו און אָפּגעוועלקט,
איז וואָס?—האָסט פאָרט געזען א וועלט,
דו האָסט א לעבן אויסגעשעפּט,
דו האָסט געלעבט, כ'וואָלט אויך געלעבט.

6

„ווילסט וויסן, וואָס כ'האָב אָפּ דער פרייַ
געזען?—סייַ פעלדער פרישע, סייַ
די בערג באַדעקטע מיט א קרוין
פון וואַלד—א רוישיקער האַמוין,

וואָס האָט זיך ראָד ארום צעשפּרייט,
ווי בריידערלעך צום טאנצן גרייט.
געזען אויך הויפנס טונקלען שטיינ,
וואָס ס'האָט א שטראָם צעטיילט אפ צוויי'ן,
און כ'האָב געטראָפן זייער מיינ:
דאָס איז בא מיר א גאָט-געשאנק!
צעשפּרייט אינ לופט זיינען פון לאנג
די שטיינערדיקע אָרעמס ברייט
און לעכן קושן איינס דאָס צווייט,
נאָר ס'לויפן טעג און נעכט אפ ערד,
און טרעפן זיך איז ניט באשערט.
איך האָב געזען אויך בערג אפ בערג,
געגליכענע צו טרוימער־ווערק,
ווען ס'האָבן זיך אנטקעגן זונ
אינ בלויקייט רויכערן געטונ
ווי די מיזבייכעס הויכע קעפּ.
און וואָלקנס אינעם בלויען סטעפּ
פון אָרט, ווו מ'האָט די נאכט פארווילט,
האָבן צו מיזרעך זייט געאיילט,
באגלייך א ווייסן קאראוואנ
מיט פויגלען פון א וויטן לאנד.
און כ'האָב געזען, אינ נעפּל דאנ
קאווקאזער פעסטע, גראָווע ווענט,
באדעקט מיט שניי, ווי הימל־בלענד.
און עס איז באלד פון דעם אלצדינג
מיינ הארצ געוואָרן אזוי גרינג,
און ס'האָט א שטים געריידט געהיים
צו מיר, אז דאָרטן ליגט מיינ היים.
און די פארגאנגענהייט האָט באלד
אינ מויעך קלאָרער זיך צעשטראלט.

7

„דעמ פאָטערס הויז כ'האָב זיכ דערמאָנט,
דעמ בארג־שפאלט, שטיבלעכ אפנ ראנד,
וואָס האָבנ זיכ צעשפרייט.
דער אָוונט־רויש צו מיר דערגייט
פונ פערד, וואָס יאָגנ זיכ געשווינד,
דאָס בילנ פונ באקענטע הינט.
כ'האָב זיכ דערמאָנט די אלטע לייַט,
וואָס קומענ זיצנ אָוונט־צייַט
צומ פאָטערס שטוב אינ לעוואָנע־ליכט
מיט שטארק פארייסעקטנ געזיכט.
א בלאנק טוט פאר מייַנ אויגנ די שייד
פונ לאנגנ מעסער. אלצ פארגייט
ווי אינ א כאָלעמ גיכ פארבייַ,
אינ טונקעלער, אינ גרויער רייַ.
דעמ פאָטער מייַנעמ זע איכ, דאכט,
געקליידעט ווי צו גיינ אינ שלאכט,
איכ האָב געדענקט דעמ פאנצער־קלאנג,
אונ פונ דעמ ביקס דעמ העלנ בלאנק.
זייַנ בליק איז הארט אונ שטאָלצ געוועז.
די שוועסטער מייַנע כ'האָב דערזענ,
דעמ זיסנ שטראלנדיקנ בליק,
דעמ קלאנג פונ ליד, וואָס בא מייַנ וויג,
זיי פלעגנ זינגענ וויגנדיק.
א שטראָמ איז דורכגעגאנ אינ טאָל,
ניט טיפ, נאָר מיט א רוישיק קאָל,
אונ כ'פלעג אהינצו אלעמאָל
אוועקגייג, גאנצע טעג פארבראכט,
מיטנ בליק די פייגעלעכ באטראכט,
וואָס פליענ צומ וואסער כאָפטעסווייַז,

װען ס'דאַרף אַ רעגן טאָן אַ שמײַס.
כ'האָב זיך דערמאָנט אונדזער געצעלט,
דאָס אָװנט־פּײַערל, װאָס העלט,
די מײַסעס, װאָס מע דערציילט,
װי מענטשן האָבן אָנגעקװעלט,
װען ס'איז די װעלט געװען אַ װעלט.

8

„װילסט װיסן, װאָס כ'האָב אױף דער פרײַ
געטאָן? געלעבט, און אָן די דרײַ
פון מײַנע גליקלעכדיקע טעג
װאָלט װיסט געװען מײַן לעבנס-װעג
און אומעטיק און אױסגעבראַכט.
שױן לאַנגע צײַט, אַז כ'האָב פאַרטראַכט
צו זען פון װײַטן פעלד די פּראַכט,
צו זען, צי ז'עמעס שײן די ערד,
דערװיסן זיך, צי איז באַשערט
דאָ לײַדן נאָר, צי גאָר פאַרקערט.
אין יענער נאַכט, אין פאַכעד־שאָ,
װען איר זײַט אינעם שטורעם דאָ,
אין אַ דערשראָקענעם האַמױן,
געפאַלן קני'ענדיק צום שטײן,
בין איך אַװעק, מיר האָט געגלוסט
דעם שטורעם דריקן צו דער ברוסט,
כ'האָב נאָכגעשפּירט דעם װאָלקן־גאַנג,
די בליצן מיט די הענט דערלאַנגט.
נו, זאָג מיר, װאָס פאַר אַ פאַרבײַט
פאַר קורצער פרײַנטשאַפט פול מיט שטרײַט
צעװישן שטורם און האַרץ, װאָס ברענט,
װאָלסטו מיר געבן אין די װענט?

9

„איך בין געלאָפֿן. װוּ?—איך װײס?
אין שװערן װעג האָט װי צום בײז
מיך קײנער אײנער שטערן ניט באַגלײט.
איך בין געלאָפֿן. פֿרײד א קװאל
מיט פֿרישקײַט נאַכטישער פֿון װאלד
מײַן מידע ברוסט האָבן צעשפּרײט,
און װײַטער גאָרניט. לאַנג און ברײט
בין איך געלאָפֿן און צום סאָף
געטאָן זיך אַ פֿאַל גראָז א װאָרף.
זיך צוגעהערט. מע הערט קײן טריט,
דער שטורם איז אױס, אין װײַטן ציט
זיך אױס א לאַנגער שײַן־פּאַס בלײך
צװישן דער ערד און הימל־הײך.
און אױף דעם פּאַס האָב איך געזען
פֿון װײַטע בערג געשטיקטע צײן.
איך בין געלעגן אָן א ריר.
ס'האָט א שאקאל װוּ נעבן מיר
געװײנט, געשריען װי א קינד,
און צװישן שטײנער האָט געשװינד
א שלאַנג געבלאַנקט מיט פּאַנצער־דעק,
נאָר איך האָב ניט געפֿילט קײן שרעק:
כ'האָב אױך דאָך מענטשן אױסגעװײַכט,
באַהאַלטן זיך דער שלאַנג צוגלײַך.

10

„טיף אונטער מיר האָט װוּ געזשורשט
א שטראָם, פֿון שטורעם אָנגעברױזט,
און ס'איז געװוען זײַן טױבער פּלױץ
װי טױזנט בײזע שטימען בײז.

און כ'האָב פארשטאנען אפן אָרט
אפילע אָן אַן איינציק וואָרט
דעם גרויסן שטרײַט, וואָס פירט זיך דאָרט
צעווישן שטראָם מיט דעם געשטיין.
אָט ווערט ער שא, אָט ווידער שוין
ער לאָזט זיך הערן אין דער שטיל.
און אָט אין הייך מיט נעפּלען פיל
צעזיינגען פייגלען זיך. צעגיינט
דער מיזרעך ווערט, א פײַכטער ווינט
טוט ווייך א ריר א בלאָט, א צווייט,
אַן אָטעם טוט פון שלאָף א קווייט,
און כ'האָב מײַן קאָפּ א הייב געטון
באַגלײַך מיט אים אקעגן זון.
כ'האָב זיך צעקוקט, און שטום זיך קוים,
איך האָב דערשראָקן זיך—באַם זוים
בין איך געלעגן פון א טהאָם,
וווּ ס'האָט געכושעוועט דער שטראָם,
כ'האָב טרעף געזען אין פעלזן-וואַנט.
ס'האָט דאָ דער טײַוול ווען געשפּאַנט,
ווען ער איז אָפּגרונט איז אוועק,
פון הימל נעמענדיק דעם וועג.

11

„ס'האָט א גאנײדן זיך צעשפּרייט
ארום דאָס אויסגעפּוצטע קלייד
פוןביימער האָט א העלע טרער
אָפּ זיך פארהיט. און הין און הער
האָט זיך א טרויבן-צווײַג געוויגט
און מיט איר פרישקײַט מיך געקוויקט.
און הענגלען פּולע נאָכאַנאַנד

ווי אוירינגלעך פון דיאמאנט
זיינען געהאנגען דאָ אָן צאָל.
עס קומען פייגלען אלעמאָל
צו זיי צו גאסט. כ'בין צו צודר'ערד
און כ'האָב זיך ווידער איינגעהערט
צום וואונדערלעכן קאראהאָד,
און כ'האָב פארשטאנען באלד דעם סאָד,
אז ס'פירן זיך דאָ שטילערהייט
פון ערד און רוים געהיימע רייד.
און אלע שטימען פון נאטור
זיך גיסן דאָ צונויף. און נאָר
דעם מענטשנס שטאָלצע שטים איז דאן
אין לויבונג־שאָ דאָ אָפּגעגאן.
דאָס אלץ, וואָס כ'האָב געפילט דערביי,
וואָס כ'האָב געטראכט, איז שוין פארביי.
נאָר כ'וואָלט דערמאָנט דאָס אָן א סאָף.
ווען איך דערציי̈ל דאָס, וואך איך אוף.
ס'איז הימל אזוי ריין געווען,
אז מ'האָט מאלאָכים, דאכט זיך, זען
געקענט דאָך מאמעש מיטן בליק,
און אזוי טיף און דורכזיכטיק,
און אזוי בלוי און אזוי העל,
אז כ'האָב די אויגן און די זעל
געטוקט אין אים, ביז היץ פון טאָג
האָט מיינע טרוימען ניט פאריאָגט
און גרויסע דאָרשט האָט מיך געפּלאָגט.

12

און צו דעם שטראָם האָב איך מיך דאן
פון הויך אראָפּ און שפאן נאָך שפאן

אראָפּצולאָזן ווי ס'ניט איז
גענומען. ס'האָט פון אונטער פיס
אמאָל א שטיין זיך, פון דער הויך
אראָפּגעקײַקלט, און ווי רויך
האָט אים באַגלייט געדיכטער שטויב.
איך האָב געהערט ער טוט דאָרט טויב
א פאַל אין אָפן מויל פון שטראָם,
איך בין געהאנגען אף א טהאָם —,
נאָר פרײַע יוגנט ווייסט קיין שרעק
און טויט־געדאנק פליט אויך אוועק,
און בין איך נאָר אראָפּ, אזוי
האָט עס געטאָן אף מיר א ווײ
מיט פרישקייט פונעם וואסער־קוואל.
איך האָב געטאָן צו אים א פאַל.
און כ'הער א שטים, גערויש פון טריט.
איך בין אריין איןביימער־מיט.
עס לויפט מיר דורכן לײַב א צוק,
איך ווארף א שרעקנדיקן קוק
און האָב זיך דאָרשטיק אײַנגעהערט,
און נעענטער און נאָענט ווערט
א מיידל־שטימע, און זי איז
אזוי פול לעבן, אזוי פריש,
און אזוי פרײַ, און אזוי זיס,
ווי ווינן וואָלט זי קלאנגען בלויז
פון נעמען פרײַנטלעכע — און אויס.
דאָס איז געווען א פּראָסטע ליד.
נאָר כ'האָב זי אזוי קלאָר פארהיט,
אז ווען דער טאָג אין נאכט פארזינקט,
מיר דאכט, א גײַסט זי ווידער זינגט,

13

„דעמ קרוג געהאלטנ אפנ קאָפ,
איז די גרוזינערנ אראָפ
מיט שמאָלע שטעג צומ ברעג אינ גײנ
האָט זי געגליטש זיכ צווישנ שטײנ,
געלאכט דערבײַ צו זיכ אלײנ.
אונ אָרעמ איז געווענ איר קלײד
אונ לײַכט דער גאנג. דער ווינט צעשפּרײט
פונ איר טשאדרא א לאנגנ שפּיצ.
עס האָט די זומערדיקע היצ
באדעקט איר פּאָנעמ אונ איר ברוסט
מיט שאָטנגאָלד; אונ ס'האָט א לוסט
פונ אירע ליפּנ הײס געשטראָמט.
אונ ס'איז אזוי דער טונקלער טעהאָמ
פונ אויגנ פול מיט ליבע־סאָד,
אז כ'האָב פארגעסנ זיכ, אונ ס'האָט
מײַנ הארצ פארנומענ נאָר דעמ קלאנג
פונ קרוג, ווענ ס'האָט דאָס וואסער לאנג
אימ אָנגעפּילט מיט שטילנ רויש.
דערנאָכ א שאָרכ אונ ווידער אויס.
ווענ איכ האָב אָפּגעאָטעמט פרײַ
אונ זיכ ארומגעקוקט אפסנײַ,
איז זי שוינ ווײַט געווענ. באהיט
איז זי געגאנ מיט לײַכטע טריט,
אונ ס'האָט די שלאנקײַט אירס דערמאָנט
די טאָפּאָל־ביימער פונ איר קאנט.
אינ קילנ שאָטנ דאָרט, ניט ווײַט,
צווײ סאקליעס זײַנענ זײַט־בא־זײַט
צומ פעלז ווי צוגעוואקסנ הארט.

און פון איין סאקליע האָט פארשארט
א בלוילעכ רויכעלע געשפארט.
און כ'זע אצינד נאָכ, דאכט זיכ מיר,
ווי ס'האָט געעפנט זיכ די טיר
און ווידער צוגעמאכט נאָכ איר...
איכ וויס, דאָס איז גאָר ניט פאר דיר
פארשטיינ מײַנ טרויער און מײַנ צאר,
און ווענ דו קענסט, וואָלט מיכ געארט.
אָט די זיכרוינעס וויל איכ שוינ
באַגראָבנ טיפ אינ מיר אליינ.

14

„אנ אויסגעמאטערטער צום טאָפ
האָב איכ זיכ צוגעלייגט. א שלאָפ
האָט מײַנע אויגנ פעסט פארמאכט.
און ווידער האָט אינ מיר געוואכט
דער יונג־גרוזינערנס געשטאלט.
א זיסער אומעט־וויי באפאלט
מײַנ ברוסט און ס'ווערט מיר מאָדנע זיס.
איכ וויל אנ אָטעם טאָנ, אומזיסט.
איכ כאפ זיכ אופ: אינ הימל ברייט
האָט זיכ די לעוואָנע אומגעדרייט,
און ס'האָט איינ וואָלקנדל נאָכ איר
געגאנגעט זיכ און נאָכגעשפירט,
די ברייטע אָרעמס אויסגעשפרייט.
די וועלט איז שווארצ געווענ און טויט.
אינ ווײַטנ האָבנ זיכ געמערקט
די שנייען־שפיצנ פונ די בערג
און ס'האָט גערעדט צום ברעג דער שטראָם.

אין סאקליע האָט א פלעמל קוים
געלויכטן און זיך אויסגעפעלט.
עס גייט אזוי אוועק פון וועלט
א שטערן, וואָס אין הימל העלט.
איך האָב געוואָלט, נאָר ניט געטאָרט
צו גיין אהין. בלויז אין איין אָרט
האָב איך געיײַלט. געווען איין ציל
פאר מיר—מײַן היים. און דאָס געפיל
פון הונגער האָב איך אויך באזיגט
און מיטן וועג, וואָס פאר מיר ליגט,
האָב איך געלאָזט זיך צאפלענדיק.
נאָר שפעטער מיט איין אויגנבליק
האָב איך די בערג שוין ווו פארזען
און ניט געוווּסט וווהין צו גיין.

15

„אומזיסט האָב איך שוין צײַטנווײַז
געריסן מיט א ווילדן קאס,
מיט ייִעש־האנט דעם וואלד געפלעכט.
ס'האָט דיקער וואלד זיך לינק און רעכט
געצויגן און האָט מיך פארמאכט.
און ס'האָט דער כווישעך פון דער נאכט
פון אונטער יעדער צווײַג געקוקט
און האָט אף מיר זיך אָנגערוקט.
עס נעמט זיך דרייען מיר דער קאָפּ.
איך קריך אף ביימער אוף און אָפּ.
נאָר אויך באם סאמע הימל־ראנד
האָב איך געזען דעם זעלבן וואלד.
איך בין געפאלן און געקלאָגט
מיט גאָר דעם וויי, וואָס כ'האָב פארמאָגט.

און כ׳האָב די נאסע ברוסט פון דר׳ערד
געביסן און האָב זי באטרערט
מיט אויגן־טוי, מיט הארצן־גלי.
נאָר כ׳וויל קיין מענטשנס הילף סײַווי.
איך פיל זיך פרעמד צו זיי אָט איצט,
ווי נאָר א כײַע פון דער וויסט.
און ס׳זאָל פון שוואכער צונג בא מיר
א קלאנג ארױפ דאן—,שווער איך דיר,
איך וואָלט צערעכנט זיך מיט איר.

16

„פון קינדווײַז אָן, געדענקסט אליין,
כ׳האָב ניט געוווּסט וואָס ס׳הייסט געוויין.
נאָר איצט, ווער האָט געקענט מיך זען?
— דער שווארצער וואלד, וואָס מיך באקרײַזט?
די לעוואָנע, וואָס אין הימלען שפרײַזט?
און מיט דער לעוואָנע־שײַן באפלעקט,
באדעקט מיט מאָך, מיט זאמד באדעקט
און מיט א ביימער־וואנט פארשטעלט,
עס ליגט פאר מיר א פיצל פעלד.
און פלוצים, ווי ס׳וואָלט דורך א ווינט,
א שאָטן גיט פארבײַ א שווינד,
צוויי פלעמלעך גיבן זיך א צינד.
און מיט איין שפרונג איז פונעם וואלד
ארויס א כײַע. און זיך באלד
אפ פײַכטן זאמד א וואָרפ געטון.
דאָס איז געווען דעם מידבערס זון
דער לעמפערט. כ׳זע—מיט שארפע ציין

ער לעקט ארום א רויען ביין
און הילכיק ברומט אזוי פאר גליק.
ער ווארפט אמאל א רויטן בליק
אף דער לעוואנע און זיין פעל
שיינט אפעט, ווי דאס זילבער, העל.
געפאקט א שטעקן אין די הענט,
האב איך געווארט. ס'האט זיך צעברענט
אין מיר א דארשט נאך בלוט און שטרייט.
יא, ס'האט דער גורל אנגעגרייט
פאר מיר א וועג לויט זיין באגער,
נאר איצטער צווייפל איך ניט מער,
אז דארט, אין דר'היים וואלט איך מיסטאמע
אויך ניט פארשעמט מיין העלדנ־שטאם.

17

„איך האב געווארט. אין נאכט פארהילט
האט ער דעם סוינע באלד דערפילט.
האט זיך א לאנגער קרעכץ דערהערט,
א טריבער. און מיט בייז האט ער
געגראבן ארום זיך די ערד.
ער שטעלט זיך אוף, ער לייגט זיך אט.
און ס'האט דער ערשטער שפרונג געדראט
מיט טויט מיט שרעקלעכן פאר מיר.
נאר איך האב זיך געפעדערט פריער.
געשיקט און פלינק געווען מיין קנאק:
מיין שטעקן ניט אים ווי א האק,
דעם שטערן אף דער האלב א שפאלט.
ער האט א זיפץ געטאן און פאלט.
נאר באלד קיין רעגע ניט פארגייט,

כאָטש פון דער ווונד געדיכט און ברייט
א כוואַליע בלוט א ברייטע שמייַסט,
צעברענט דער טויט־קאַמף זיך באַנייַט.

18

„מיר אַף דער ברוסט אַרוף איז ער.
נאָר כ׳האָב איך האַלדז אים מייַן געווער
אַרייַנגעשטעקט, און אַמאָל צוויי
א דריי געטאָן. ער ברומט פון ווי,
די לעצטע קויכעס אָנגעשטרענגט,
און שוין פאַרפלאָכטענע ווי שלענג,
ווי בעסטע פייַנט געטוליעט ענג,
מיר פאַלןביידע נאָר אַף דר׳ערד
האָט ווילדער קאַמף ניט אויפגעהערט.
געוועזן כ׳בין שרעקלעך, כ׳האָב געפילט,
און ווי א לעמפּערט בייז און ווילד
איך האָב, ווי ער, געפלאַמט, געברילט,
ווי כ׳וואָלט אַליין דערזען די וועלט
אַלס קינד פון לעמפּערטן און וועלף,
אין וואַלד, אונטער זייַן פייַכטן דאַך.
עס האָט געדאַכט, די מענטשן־שפּראַך
האָב איך פאַרגעסן, און פון מויל
זיך רייַסט אַזאַ מין ווילד געהויל,
ווי ס׳וואָלט מייַן צונג פון קינדהייַט אָן
קיין אַנדער קלאַנג גאָרניט געקאָנט.
נאָר ס׳ווערט די קויכעס אָן מייַן פייַנט,
ער אָטעמט שטילער ווי עס שייַנט,
עס טוט א בלאָנדזשע ערגעץ ווו
זייַן אויג־שוואַרצאַפּל, און א רו
אַן אייביקע דאָס אויג פאַרמאַכט.

ער איז געפאַלן אין אַ שלאַכט,
ווי ס'פּאַסט אַ גיבער, וואָס אין פעלד
האָט קעגן פיינט זיך געשטעלט.

19

„דו זעסט מיין ברוסט — זי איז ביז איצט
מיט נעגל־שפּורן טיף צעקריצט.
די וווּנדן וועלן ניט פאַרגיין
ביז ס'וועט זיי שוין די ערד אַליין
ניט פרישן מיט איר פייכטער דעק,
און טויט וועט אויסהיילן צום עק.
נאָר דאַן האָב איך קיין ווי געדענקט,
דאָס רעשטל קויכעס אָנגעשטרענגט,
האָב איך אין טיף פון וואַלד און נאַכט
מיין ווייטערדיקן וועג געמאַכט.
נאָר ס'מאַזל האָט מיך אויסגעלאַכט.

20

„איך בין אַרויס פון וואַלד. עס האָט
דערוואַכט דער טאָג. דער קאַראַהאָד
פון ליכטער נאַכטישע צעשווימט
אין זיינע שטראַלן. ווידער ברומט
דער נעפּל־וואַלד געוואָרן אום
איז דער אַאוּל. געטאָן אַ לויף
איז שטיל אַ ווינטעלע אין טאָל.
איך האָב זיך צוהערן געוואָלט,
איז ווידער אַלץ געבליבן שטום.
איך האָב זיך אומגעקוקט אַרום.
און ס'דאַכט מיר אויס, איך קען דעם קאַנט.

נאָר ווײ — עס איז גאָר ניט אימשטאַנד
דאָס צו באַנעמען מײַן פאַרשטאַנד,
אַז כ׳האָב זיך אומגעקערט אָט איצט
צוריק אין טפיסע; אַז אומזיסט
האָב איך עס אַזאַ לאַנגע צײַט
געבענקט, געמאַטערט זיך אין לײַד...
צו וואָס? — איך זאָל, אַ יונגער בוים,
גאָטס וועלט דערזעענדיק דאָ קוים,
אין הילכיקן, אין וואַלד־געררייד
דערקענענדיק די פרײַהײַט־פרייד,
אוועקטראָגן מיט זיך אין גרוב
די בענקשאַפט נאָך מײַן טאַטנס שטוב,
דער אָפּגענאַרטער האָפנונגס בראָך.
פון אײַער מיטגעפיל דעם שטאָך.
איך האָב געצווייפלט נאָך אַ צײַט.
געמיינט אַ כאָלעם אַלץ באַטײַט,
נאָר ס׳האָט אַ גלאָקן־קלאַנג פון ווײַט
אין שטילקײַט פּלוצים זיך צעשאַלט.
און אַלץ געוואָרן קלאָר איז באַלד.
יאָ, כ׳האָב אים גיך און גרינג דערקענט —
ער האָט ניט איינמאָל דאָך פאַרלענדט
די זעונגען פון יוגנט־טרוים,
פון קרויווים, פרײַנט און פון דער היים,
פון ווילדער און פון פרײַער ערד,
פון פלינקע און פון דולע פערד,
פון וונדער־קאַמפן אין געשטיין,
וווּ כ׳האָב קיין גלײַכן ניט געזען.
איך האָב געהערט דעם קלאַנג פאַרשמאַכט.
ער איז געגאַנגען, ס׳האָט געדאַכט,
מיר גלײַכן פון האַרצן, ווי ס׳וואָלט ווער

מיך שלאָגן מיט א האמער שווער.
און כ׳האָב פארשטאַנען דאן, אז עק—
עס איז די האָפענונג אוועק
אהיים צו אויסטרעטן דעם וועג.

21

„איך בין געוועזן מײַן גורל ווערט.
ווען ס׳וואוּפט איין סטעפּ אראָפּ דאָס פערד
דעם טויגעניכטס, וואָס אפּ אים רײַט,
וועט ער אהיים פון גאָר דער ווײַט
דעם וועג געפינען אפּ געוויס...
און וואָס בין איך?—עס איז אומזיסט
מיט דראַנג און ווילן פול מײַן ברוסט,
די היץ איז אומעכטיק און פוסט:
ס׳איז מויעך־קרענק, ס׳איז טרוימען־שפּיל.
די טפיסע האָט איר בייזן ציל
דערגרייכט. א טפיסע־בלימל אויך
אזוי. עס איז געוואקסן בלייך
און צווישן נאסע שטיינער מאַט,
און לאַנג האָט עס קיין יונגן בלאַט
ארויסגעלאָזט. געוואַרט פארשמאַכט
אפּ לעבן־שטראַלן. טעג אסאַך
זײַנען פארגאנגען, ביז עס האָט
א מילדע האַנט די בלום אין סאָד
גענומען און זי דאָרט באַשטאַט.
אין שכיינעס האָט געבליט א רויז,
דאָ האָט געאָטעמט לעבן בלויז,
נאָר ווען עס איז די זון ארויס,
האָט זי דאָס בלימל באַלד פארברענט,
וואָס איז דערצויגן צווישן ווענט.

22

„אונ ווי די בלומ אינ יענעמ סאָד,
האָט מיכ דער בייזער טאָג געבראָט.
אומזיסט האָב איכ געשטעקט אינ גראָז
מײַנ מידנ קאָפּ שוינ, ווייס איכ וואָס —
געביסנ האָט מיט שארפע ציינ
מיכ יעדער בלאט. די ערד אליינ
מיט פײַער האָט אפּ מיר געהויכט
אינ פּאָנעמ גלײַכ, עס האָט די הייכ
געשאָטנ פונקענ, פײַער־בלענד.
פונ ווײַסע פעלזנ האָט געדעמפּט.
אינ יִשעור־שווערנ שלאָפּ פארקוועלט
געשלאָפנ טויב איז גאָר די וועלט.
זאָל כאָטש א פויגל טאָנ א שפּיל,
זאָל זיכ א קעלכל פונ א גריל
דערהערנ כאָטש, צי פונ דעמ טײַכ
דער קינדער־פּלאפּל. ס׳האָט געשלײַכט
א שלאנג נאָר אינ די גראָזנ לײַכט.
איר געלער רוקנ האָט געבליצט
באגלײַכ א קלינג, וואָס ביינ שפּיצ
אנ אופשריפט גאָלדענעמ באזיצט.
דעמ שיטנדיקנ זאמד צעשיט,
האָט זי געגליטשעט זיכ באהיט,
דערנאָכ זיכ שפּילנדיק אונ גרינג
געמאכט א דרײַענדיקע רינג,
אונ פּלוצימ, גלײַכ ווי אָפּגעבריט,
געוואָרפנ זיכ אינ פלאנצנ־מיט
אונ באלד איז זי שוינ ניט צו זעג.

„און הימלען זײַנען שטיל געווען
און העל אזוי. צוויי שווארצע בערג
פון ווײַטן האָבן זיך געמערקט.
פון אונטער איינעם האָט געבלאנקט
דעם קלויסטערס צייגערדיקע וואנט.
באזוימענדיק מיט זילבער־קאנט
די אינדזלען, זײַנען זיך באנאנד
געלאָפן לעבעדיק און גרינג
אין פלאפלענדיקן פלאנצן־רינג
אראגווא און קורא... נאָר וויי!
ס'איז ווײַט געווען פון מיר צו זיי!
געוואָלט כ'האָב אופשטיין, אָפ צוריק
האָט זיך די וועלט געטאָן א וויג.
געוואָלט כ'האָב שרײַען, אָבער — ניט,
די צונג געווען איז צוגעשמידט.
איך האָב אין גסיסע־היץ געגליט.
און ס'האָט זיך מיר געדאכט, באגלײַך
אַפ פײַכטן גרונט פון טיפן טײַך
איך ליג צעשפרייט דאָרט, און ארום
איז סוידעס־פינצטערקײַט און שטום.
און ס'האָט א קאלטער שטראָם ווי אײַז,
ווי שטילנדיק מײַן דאָרשט באנײַס
צו מיר געגאָסן זיך אין ברוסט.
און וואכ זײַן האָט זיך מיר געגלוסט,
אזוי איז גרויס געווען מײַן גליק.
און איבער מיר איז שפילנדיק
געלאָפן כוואלישער געוויג.

און זיסער נאָך פון לעוואָנע־שײַן
דורך כוואליעס קוקט די זון אַרײַן.
און פישלעך פון דער זון באַגילדט
זיך האָבן טשאַטעסווײַז געשפּילט,
און איינע איך געדענק נאָך איצט,
מיט ליסקעס גאָלדענע ט׳געבליצט
איר רוקן, און איבער מײַן קאָפּ
האָט זי געדרייט זיך אויף און אָפּ.
און ס׳איז געווען איר גרינער בליק
אי טיף, אי צאַרט, אי אומעטיק,
און כ׳האָב געוואונדערט זיך אָן שיר,
איר זילבער־קעלכל האָט צו מיר
גערעדט, געזונגען שטומערהייט,
און מאָדנע איז געווען די רייד.
זי האָט גערעדט:
„מײַן קינד געטרײַס,
פאַרברענג מיט מיר דײַן וועלט.
אין וואַסער איז דאָס לעבן פרײַ,
דאָ הערשן רו און קעלט.
די שוועסטער מײַנע רופּ איך באַלד;
אין לעבעדיקן קרײַז,
דײַן בליק וועט ווערן אויפגעשטראַלט
און אויפגעריכט דײַן גײַסט.
שלאָף אײַן, ס׳איז ווייך דײַן בעט און שיין
און דורכזיכטיק דײַן דעק.
און דוירעס לאַנגע וועלן גיין,
וועסט טרוימען אָן אַן עק.

אָ, טײַערער, דאָס האַרץ מײַנס גליט
מיט ליבע נאָר צו דיר,

ווי פרייַע וועל ביסטו מיר ליב,
ווי ס'לעבנ טייַער מיר"...

איך האָב זיך צוגעהערט נאָך לאַנג,
עס האָט געדאַכט, דער שטראָם־געקלאַנג
גיסט זיך צונויף דאָ שטיל און זיס
מיט ווערטער פונעם גאָלדנעם פיש.
דערנאָך האָב איך פאַרגעסן זיך.
פאַרלאָרן איז אין אויג דאָס ליכט.
איך בין געלעגן שוין פאַרשמאַכט.

24

„אַזוי ט'מען מיך אַהער געבראַכט.
ס'רעשט, אַלטער, ווייסטו שוין אַליין.
א סאָף. און גלויבסטו מיר, צי ניין,
דאָס אָרט מיך שוין לאַכלוטן נישט.
איין זאַך אַצינד נאָך מיר פאַרדריסט:
מייַן קאַלטן גוף איז ניט באַשערט
צו וועלקן אין דעם היימלאַנד־ערד,
און ס'וועט פאַרגעסן ווערן גלייַך
מייַן ביטער לייַדן צווישן אייַך,
און בלייַבן פרעמד און אומבאַקענט
מייַן טונקלען נאָמען צווישן ווענט.

25

„נו, זייַ געזונט, גיב מיר דייַן האַנט.
דו פילסט, אין מייַנער ברענט א בראַנד.
ווייס, ס'האָט דער פלאַם פון קליינערהייט
געלעבט אין האַרצן שטילערהייט.

איצט פֿעלט אים שפּײַז, האָט ער די ווענט
פֿונ טפּיסע זײַנער דורכגעברענט,
אונ קערט זיך איצט אפּסנײַ צו דעם,
וואָס יעדנ איינעם טיילט ער אײַנ
אינ שטרענגנ סיידער רו אונ פּײַנ.
נאָר מיר, וואָס קומט ארויס דערפֿונ?
עס זאָל מײַנ זעל אפֿילע רוענ
אינ הייליקנ גאניידנ־רוים,—
ווײ, ווײ, פֿאר רעגעס צוויי אינדערהיים,
אינ שווארצנ פֿעלזישנ געדרענג,
ווו כ׳האָב די קינדער־טעג פֿארברענגט,
כ׳וואָלט רו אונ אייביקײַט געשענקט.

26

„ווענ איך וועל דארפֿנ שטארבנ,—לאנג
וועסט שוינ ניט ווארטנ—מײַנ פֿארלאנג
זאָלט הייסנ ברענגענ מיך אהינ,
אינ סאָד אינ יענעם, ווו עס בליִענ
אקאציִעס ווײַסע, קוסטעס צוויי.
דאָס גראָז געדיכט איז צווישנ זיי,
די לופֿט מיט דופֿטנ אָנגעפֿילט,
אונ דורכזיכטיק איז אונ באגילדט
דער בלאט, וואָס אפֿ דער זונ זיך שפּילט.
אהינצו, בעט איך, מיך פֿארטראָג,
אונ מיט דער שײַנ פֿונ בלויענ טאָג
וועל איך זיך אָנטרינקענ צוזעט.
קאווקאז זיך אויך פֿונ דאָרטנ זעט.
אונ ער קאָנ זײַנ, ווערט פֿונ זײַנ הייך
אנ אָפּשייד־גרוס מיר שיקנ אויך,

א קילן ווינטל טאָן א ווענד,
און נעבן מיר פאר מײַן ווענד
דערהערן זיך א היימיש קאָל.
און דענקען וועל איך, אז דאָס זאָל
א ברודער, צו א גוטער פרײַנט
מיר אָפּווישן פון פּאָנעם מײַנס
דעם קאלטן שווייס מיר פארן טויט,
און אז ער זינגט מיר שטילערהייט
פון ליבער היים א מילדע ליד.
און אײַנשלאָפן וועל איך דערמיט
און ניט פארשעלטן קיינעם ניט!"

1840 י.

באמערקונגען

1. דער שטארבנדיקער גלאדיאטער. דער ערשטער טייל פונ דער ליד איז א פרײַע איבערזעצונג פונ צוויי סטראָפנ פונ בײַראָנס „טשײַלד האראָלד“.

2. דעמ דיכטערס טויט. געווידמעט דעמ טויט פונ א. ס. פושקינ. וואָס איז פארוווּנדעט געוואָרנ אפ טויט אפנ דועל מיט דאנטעסנ דעמ 27־טנ יאנואר 1837 י. אונ איז דעמ 29־טנ יאנואר געשטאָרבנ. וועגנ פושקינס טויט האָט מענ אינ שטאָט גערעדט שוינ דעמ 28־טנ.

פאר דער דאָזיקער ליד איז לערמאָנטאָוו פארשיקט געוואָרנ אפ קאווקאז. די ליד רעכנט זיך אויך פאר אָנהייב פונ לערמאָנטאָווס טעטיקײַט אלס דיכטער, דער אָנהייב פונ זײַנ דערפאָלג אונ רומ.

צו דער ליד איז דאָ אנ עפיגראפ פונ א פראנצויזישנ שרײַבער ראָטרוי. דער טײַטש פונעמ עפיגראפ איז:

נעקאָמע נעמ, אָ קייסער, נעמ נעקאָמע!
איכ פאל צו דײַנע פיס.
גערעכטיק זײַ אונ באשטראָפ דעמ מערדער,
אז ס'זאָל זײַנ פטאק אינ קומענדיקער צײַט
דײַנ מישפעט דײַנ גערעכטנ מעלדנ,
אז מערדער זאָלנ אָפלערנענ דערפונ.

3. וואלעריק. די ליד איז געווענדט צו לערמאָנטאָווס א יוגנטפרײַנדנ, וו. א. לאָפוכינא (באכמעטיעווא). די שלאכט, וואָס איז דאָ באשריבנ, איז פאָרגעקומענ דעמ 11־טנ יולי 1840 י.

4. אדיע, דו רוסלאנד, די ליד איז אָנגעשריבנ פאר לערמאָנטאָווס לעצטנ אָפפאָר אפ קאווקאז.

די בלויע מונדירן — ווערן געמיינט די זשאנדארמען.

5. נעוויעס געשריבן בעשאס די כאָלעריע-בונטן אין רוסלאנד און דער יול־רעוואָליוציע אין פראנקרייך. פאראן לערמאָנטאָווס א באמערקונג צו דער ליד: דאָס איז א טרוים.

6. דער געפאנגענער. די ליד האָט לערמאָנטאָוו אָנגעשריבן אפ א שטיקל פאק־פאפיר מיט א שוועבעלע איינגעטונקען אין סאזשע און וויין, ווען ער איז געזעסן ארעסטירט פאר דער ליד „אפ פושקינס טויט".

7. ווען ס'כוואליעט זיך. אָנגעשריבן אויך דעמלט. ווי אויך די ליד „דער שאָכן".

8. וואָלקנס אָנגעוואָרפן אפ א געזעגענונג־אָוונט פארן אָפּ־פאָרן אפ קאווקאז דאָס צווייטע מאָל פארן דועל מיט באראנטן (זע די ביאָגראפיע).

9. דער געפאנגענער ריטער. געשריבן אין אָרדאנאנס־הויז, אן ארעסטירטער פארן דועל מיט באראנטן. דאָרטן איז אויך אָנגעשריבן די ליד „די שכיינע" און „דער זשורנאליסט, — דער לייענער און דער שרייבער".

10. טאמארע. לויט דער לעגענדע האָט אין דאריאלישן טאָל געלעבט די קעניגן דאריע. ל. האָט צוגעשריבן אירע טאטן א צווייטער לעגענדארער פערזענלעכקייט.

11. דאָס געזאנג. געשריבן אין נוסעך פון די רוסישע ביליי־נעס. אין אינהאלט איז דאָ א קערן פון א ווירקלעכער געשע־עניש פון לערמאָנטאָווס צייט. אָפּגעדרוקט געוואָרן ביים ל. איז געווען פארשיקט פאר דער ליד „אפ פושקינס טויט" און געכאַס־מעט בלויז מיט די איניציאלן פון ל. נאָמען און פאמיליע.

פונעם איבערזעצער. די לידער, וואָס גייען אריין אין דערדאָזיקער זאמלונג, זיינען איבערגעזעצט געוואָרן קימאט אלע אין 1924 י. די פּאָעמעס „מצירי" און „דער אנטלאָפענער" — אין 1919 י., צו דער איצטיקער אויסגאבע זיינען אלע לידער באנייס באארבעט געוואָרן.

אינהאלט

זייטל

מ. יו. לערמאָנטאָוו (ביאָגראַפישע נאָטיץ) . . . 3

לידער

I

דער שטאַרבנדיקער גלאַדיאַטער 9
דעם דיכטערס טויט 11
דעם ערשטן יאַנוואַר 14
דער דיכטער 16
פאָטערלאַנד 19
אַ קאָזאַקישע וויגליד 21
וואַלעריק 23
דער וויקוּעכ 34
אַדיע, דו רוסלאַנד. 38

II

בעתּיָעס 41
אַ מאַלעכ 42
פאַרלאַנג 43
דער זעגל 45
דער געפאַנגענער 46
קאַזבעקן 48
ווען ס'כוואַליעט זיך 50
דער קינזשאַל 51
דריי פּאַלמעס 52
וואָלקנס 55

זײַטל

דער געפאנגענער ריטער 56
א שאָכן 57
די שוויַיגע 59
ס׳טרעפט רייד 61
דער זשורנאַליסט, דער לייענער און דער שרײַבער . . 62
א כאַלעם 69
דער פעלז 70
טאמאָרע 71
אראָפּ איז א בלעטל 73
כ׳גיי ארויס אליין 75
דער נאָווי 76

III

פּאָעמעס

דאָס געזאנג 81
דער אנטלאָפענער 101
מצירי 107
באמערקונגען 135

רעדאקטער—א י ז י כ א ר ל י ק   טעכרעדאקטער—ב ע ל ק י נ
קאָרעקטור—א. ג אָ ל ד ש ט י י נ

אָפגעגעבנ אינ דרוק—22/XI 1934 י. אונטערגעשריבנ צומ דרוקנ—28/II 1935 י.
צאָל דרוקבויגנ—4 3/8. צאָל צייכנס אינ א דרוק-בויגנ 52800. פאפיר 72×104 1/32.
באשטעלונג 1326. טיראזש 7685. גלאווליטבעל א־1464.
פאראנטוואָרטלעכער קאָרעקטער פונ דרוקעריי—ק א ר א ס י ק.

דרוקעריי א. נ. סטאלינ—מינסק.

באמערקטע דרוק־פעלערנ

זייט	שורע	אָפגעדרוקט	דארפ זיינ
9	4 פונויבנ	Бyron	Byron
35	5 פונויבנ	אינ רו פארווינט.	אינ רו פארוויגט.
69	7 פונויבנ	אונ ס'האָבנ פערזנ	אונ ט'האָבנ פעלזנ
72	[illegible] פונויבנ	אינ צוויי בעכערס פארגרייטנ.	אינ צוויי בעכערס פארגרייט.
72	5 פונויבנ	געפלאָכטנ האָבנ זיכ הענט הייכע	געפלאָכטנ זיכ הענט האָבנ הייסע
99	9 פונויבנ	אונ וואָרט	אונ ווארט
99	11 פונונטנ	אונדזער הוליזגעזיד,	אונדזער הויזגעזינד,
120	3 פונויבנ	מיט שמאָלע שטעג צום ברעג	מיט שמאָלנ שטעג צום ברעג.
120	13 פונונטנ	דעם קלאנ	דעם קלאנג
125	10 פונויבנ	ווי בעסטע פיינט	ווי בעסטע פריינט
127	1 פונונטנ	מיר גלייכנ פונ הארצנ,	מיר גלייכ פונ הארצנ.
134	2 פונויבנ	אונ נעבנ מיר פאר מיינ ווענר	אונ נעבנ מיר ווערט פאר מיינ ווענד

באשטעלונג 1326